STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06199

HSIDES - MOTIVN

Abraham Bick

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבראהם ביק

חסידות - מאָטיוון

אין דער יידישער ליטעראַטור
און אין לעבן

●

חסידיש ליד און באַלאַדע

(אַנטאָלאָגיע)

שרייבער-סעקציע ביים איקוף • ניו־יאָרק, 1944

מיין זון יצחקן —
אַ צווייגל אויפן בעש"טישן בוים —
אַ דערמאָנונג אין זיינע זיידעס
און אַ מאָנונג פון זיין טאַטן!

Copyright by
Abraham J. Bick
Washington, D. C.

209
PRINTED IN U.S.A.

ווערק פון אברהם ביק:

חזון התקופה (העברייאיש) — ניו־יורק, 1936.
גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — לאָדזש, 1938.
קעמפער און היטער — ניו־יאָרק, 1940.
וועלט און היים — ניו־יאָרק, 1941.

אינהאַלט

זייט

הקדמה 5

חסידות אין וואָרט, אין מעשה און בילד 7

1. אַנהויב פון אַ יידיש-קינסטלערישער דערוואַכונג. 2. דער קוואַל פון שיינקייט. 3. וואָרט און בילד. 4. פאָלקס-פאַנטאַזיע. 6. פסיכאָ-לאָגיע פון חסידות. 6. דער בראַצלאַווער אין ליכט פון פסיכאָאַנאַליז. 7. אַ „יידישער בראַנד".

חסידות און די יידישע ליטעראַטור 33

1. ירושה און השפעה. 2. מענדעלע מוכר ספרים און חסידות. 3. פּרץ, בערדיטשעווסקי, שטיינבערג און אַש. 4. דער בראַצלאַווער אין דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור. 5. דער נסתר. 6. דער קאָצקער אין דער יידישער ליטעראַטור. 7. שמואל יוסף עגנון.

חסידות און דער משיח־טרוים 51

חסידיזם לויט אַ מאַרקסיסטישן פאַרשער 57

דער סאָציאַלער מאָטיוו אין חסידות 59

חסידיש ליד און באַלאַדע

ח. נ. ביאַליק: מיין מאַמע זכרונה לברכה 67

א. ליעסין: ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער 69

דער נסתר: די תפילה פון אַבראַצלאַווער חסיד 74

זישא לאַנדוי: בעל שם־טוב 74

משחם באַריישאַ: ר׳ גרשון קיטעווער 76

ה. לייוויק: אַפּענע הימלען 78

י. י. שוואַרץ: ר׳ נחמן בראַצלאַווער אין איסטאַמבול אויפן וועג קיין א״י. 79

זייט

י. י. סיגאַל: והחסידות 80

איציק מאַנגער: סאַנקט בעש״ט 82

אליעזר שטיינבאַרג: ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און די מוטער רחל .. 84

מ. באַסין: געוויין 85

ז. ווייַנפּער: ר׳ אברהמעלע טריסקער 86

יעקב גלאַטשטיין: דער בראַצלאַווער צו זיין סופר 87

אהרן צייטלין: פּאַול און שניאור זלמן 88

חיים קרול: מיין טאַטע דערציילט 91

מלכה לי: מיין יחוס־בריוו 92

נפתלי גראָס: אַ מעשהלע מיט דעם בעל שם־טוב 93

שמואל האַלקין: דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק 94

י. א. ראָנטש: ביים צדיקס אוהל 94

לייזער וואָלף: דער ווילנער גאון און דער בעש״ט 95

ישראל עמיאָט: פון דער פּאָעמע: „לובלין״ 98

בעריש ווייַנשטיין: פון דער פּאָעמע: „זבולון״ 99

אברהם לעוו: דער בעש״ט פירט ליים 100

מאָטעס דייטש: ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער וויל ניט אַריינגיין אַליין
אין גן־עדן 101

שלום שטערן: דער בעש״ט און יענדרוך 104

בער האָראָוויץ: דער בעל־שם אין די בערג 104

דוד סעלצער: מיין זיידנס אַ חסידיש וואָלעכל 107

אברהם טווערסקי: שלמה חקרן און די דוינע 108

זוכצעטל פון נעמען 110

הקדמה

אינעם גרויסן אוצר פון יידישן פאָלקס־שאַפן, וואָס איז אַזוי רייך מיט פאַרשיידענע מאָטיוון און טעמעס, איז דער חסידיזם פון די סאַמע באַליבטסטע און טייערסטע — דאָס זיינען די סאָציאַלע און קינסטלערישע מאָטיוון פון און וועגן די שעפער און פירער פון דער דאָזיקער רעליגיעזער פאָלקס־באַוועגונג.

יעדע מעשה, יעדעס ליד, יעדער געזאַנג וועגן בעל שם־טוב, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און די אַנדערע, נעמט אַריין אין זיך די פאַרשיידנפאַרביקייט און פילזייטיקייט פון אַ סך אַנדערע מאָטיוון און טעמעס פון דער יידישער פאָלקס־שאַפונג.

די חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט נאָך דער דערשיטערנדיקער שבתי־צבי אַוואַנטורע געשפּילט אַזאַ אויפמונטערנדיקע ראָל אין יידישן פאָלקס־לעבן, איז ניט בלויז געווען אַן אָפּאָזיציע צום פאַרגליווערטן רבנישן פאָרמאַליזם, נאָר איז געווען, סיי לויט איר תוך, סיי לויט איר איינשטעלונג, אַ סאָציאַלע און מאָראַלישע באַוועגונג. דער חסידיזם האָט אין זיין ערשטן פעריאָד געהאַט געוויסע אַנאַלאָגיעס מיט עכטער דעמאָקראַטיע און אוטאָפּישן סאָציאַליזם.

וועגן דעם פאָלקישן כאַראַקטער פון חסידיזם, אין זיין טיף־דעמאָקראַטי־שער בעש״טישער פאָרם, האָט לעצטנס געשריבן אַן אַמעריקאַנער אַפּאָסטאָל פון דעמאָקראַטיע און פון דער אידייע פון „פּשוטן מענטשן״, די ווערטער: „. . . איך וואָלט אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן ווערט פון דעם בעל־שמס דאָקטרינע, אין דער איצטיקער צייט, ניט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, נאָר פאַרן מאַסן־מענטשן אומעטום. דער בעל־שם איז אָן ספק געווען איינער פון די גרעסטע נביאים פון דעם „פּשוטן מענטשן״. זיין פּראָסטע לערע פון בטחון און פרייד אונטער די שווערסטע באַדינגונגען פון זיין צייט, מוזן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.״ (וויס־פּרעזידענט הענרי א. וואַלאַס, אין אַ בריוו פון 22טן פעברואַר, 1944.)

די יידישע ליטעראַטור ווייסט פון צוויי פעריאָדן אין דער אָפּשאַצונג פון חסידיזם. די השכלה־ליטעראַטור האָט אָפּגעשאַצט דעם חסידיזם ווי אַ נעגאַ־

טיזוע דערשיינונג אין יידישן לעבן. איר מעטאָד ביים שילדערן די דאָזיקע דערשיינונג איז דערפּאַר געווען די בייזע סאַטירע. דער צדיק, דער רבי, איז דעמאַסקירט געוואָרן אַלס איינפאַכער שווינדלער. זיין „תורה־זאָגן" איז פּאַראָדירט געוואָרן. זיינע נאָכפאָלגער — די חסידים — זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס נאַראָנים, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן. חסידות — דאָס איז אַ „גע־נאַרטע וועלט" (אַזוי הייסט אַקסנפעלדס אַנטי־חסידישע פּיעסע). דער לעצטער אַנטי־חסידישער קעמפער לינעצקי, שטייענדיק אויף די זעלבע פּאָזיציעס, האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די טונקעלע זייטן פון דער חסידישער מעשה.

אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אינעם ליטעראַרישן נעאָ־חסידיזם (פּרץ, בובער, בערדיטשעווסקי און אַנדערע). דאָ איז דער חסידיזם פּאָעטיזירט גע־וואָרן. דאָ איז דער רבי אידעאַליזירט אַלס פּערזענלעכקייט פון אַ הויכער מדרגה. די „תורה" איז געגעבן אַלס הויכע פילאָסאָפיע, די חסידים — אַלס פונקען, וואָס ציען זיך צום גרויסן פלאַם — צום צדיק.

דער נעאָ־חסידיזם האָט געווירקט אויפן שאַפן און דענקען פון אַ סך יידישע דענקער און שרייבער.

אין דעם דאָזיקן בוך האָב איך זיך באַמיט צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן קינסטלערישן מהות פון חסידיזם און אויך וועגן זיין סאָציאַלן מאָטיוו.

די אַנטאָלאָגיע פון חסידיש ליד און באַלאַדע איז בשום אופן ניט די אַנטאָלאָגיע. אַ גאַנצע אַנטאָלאָגיע וואָלט אויך געדאַרפט אַריינגעמען חסידישע דערציילונגען און עסייען. מען קאָן אָבער אויך אין דעם קליינעם ציקל לידער דערשפּירן יענע מאָטיוון, שטימונגען און געדאַנקען, וואָס זיינען דער קוואַל פון דער צעבליטער פאָלקס־שאַפונג, וואָס הייסט: חסידות, און אויך די לאַנדשאַפט פון יענעם באָדן אויף וועלכן „מיט הונדערטער יאָרן צוריק, האָבן חסידים געזוכט דעם וועג צום אמת און דער בעל שם־טוב האָט פאַרהערלעכט אָרעמקייט און באַזונגען די פרייד." (איליאַ ערנבורג.)

א. ב.

ניו-יאָרק, ערב שבועות, התש"ד—1944
צום הונדערט פינף-און-אַכציקסטן יאָרצייט פון בעל שם-טוב.

חסידות אין וואָרט, אין מעשה און בילד

דאָס ליכט, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן דעם ערשטן טאָג, איז נישט דאָס ליכט פֿון דער זון, נישט דאָס ליכט פֿון דער לבנה און די שטערן, וואָס זיי אַלע זיינען באַשאַפֿן געוואָרן אויפֿן פֿערטן טאָג. דאָס ליכט פֿון ערשטן טאָג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען וואָלט מיט אים געקאָנט זען די וועלט פֿון איין עק ביזן אַנדערן אין איין הרף־עין. אָבער גאָט האָט געוואוסט, אַז עס וועלן קומען זינדיקע דורות, ער וועט געצוואונגען זיין צו דערטרינקען די וועלט אין אַ מבול, צו צעמישן זייערע לשונות אין דעם דור־הפלגה, ווען מענטשן וועלן זיך פֿאַרמעסטן קעגן הימל און בויען דעם טויער פֿון בבל. און גאָט האָט איינגעזען, אַז מענטשן וועלן ניט ווערט זיין די פֿרייד פֿון לעבן אין אַזאַ בראשיתדיק ליכט. האָט ער צוגענומען פֿון דער וועלט זיין ליכט, דאָס ערשט־לינג זיינס, דאָס ליכט פֿון דעם ערשטן וועלט־באַשאַפֿנדיקן טאָג און ער האָט עס פֿאַרבאַהאַלטן. ער האָט דאָס פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר די אמתע צדיקים אויף יענער וועלט.

אַזוי דערציילט די יידישע אגדה, אַזוי זינגט די יידישע לעגענדע איר חלום וועגן דעם אמתן, דעם ערשטן, דעם גרויסן ליכט פֿון דער וועלט. עס טרעפֿט זיך אָבער, אַז עטלעכע אין איין דור, אָדער גאָר איינער אין עטלעכע דורות זאָל האָבן דעם זכות צו דערזען די וועלט דורך דעם בראשיתדיקן ליכט. און דעמאָלט שיינט אַרויס דורך זיינע מעשים, העלט אַרויס פֿון זיינע שאַפֿונגען, קוועלט אַרויס פֿון דער נשמה פֿון דעם, וועמענס נשמה איז באַשיינט מיט אמתן ליכט.

און דאָס ליכט שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין די, וואָס זייער נשמה בענקט נאָך אַ תיקון. און דאָס ליכט דערפֿילט דער קינסטלער.

און מיר זיינען זיכער: דער קיטעווער ליים־גרעבער (בעש״ט), וואָס האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געוואַנדערט איבער די היגלען און סטעזשקעס, צווישן דער קייט קאַרפּאַטן־בערג און אויף דער מאָלדאַווישער ערד, דער וואָס האָט געבלאָנדזשעט מיט דער אָנונג פֿון שיינקייט און הייליקייט פֿון גאָט און לעבן, — איז געבוירן געוואָרן מיט גאָטס בראשיתדיקן ליכט אין דער נשמה.

1. אָנהויב פֿון אַ יידיש־קינסטלערישער דערוואַכונג

יעדע רעליגיעזע דערוואַכונג, אויפֿברויז און עקסטאַז, האָט באַפֿרוכפּערט דעם קינסטלערישן שאַפֿן. די צייטן פֿון טיפֿער רעליגיעזער אויפֿרודערונג זיינען אויך צייטן פֿון באַגייסטערונג און וויזיעס; צייטן, ווען די פֿאַנטאַזיע,

דער טיפסטער קוואַל פון קינסטלערישן שאַפן, צעשפּילט זיך; צייטן, ווען עס צעצינדט זיך דאָס בראשיתדיקע ליכט.

די רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס דער בעל־שם האָט אָנגעהויבן, איז געווען אַן אָנהויב פון אַ גרויסן יידיש־קינסטלערישן רענעסאַנס. די חסידישע תורה־מעשה, וואָרט, געדאַנק און בילד, זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון אַ צעבליטער פרישער פאַנטאַזיע, פון אַ גוואַלדיקן כח־הדמיון, וואָס האָט אָנגעדייט אויף סודות פון אַנדערע וועלטן, האָט אַרויסגערופן אייגנאַרטיקע טענער, וואָס האָבן געהויערט אין ליכט פון הונדערטער בילדער.

אייגנטלעך האָט דעם פאָלקס כח־הדמיון קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו וועבן די גילדערנע פעדים פון וואונדער־מעשיות, וואָס האָבן פאַרמאָגט די צוויי סטיכישע קינסטלערישע אייגנשאַפטן: בילדלעכקייט און פאָעטישקייט. אין אַלטן יידישן קולטור־אוצר איז פאַראַן אַ וואונדערלעכע קונסט־עשירות. אָנהויבנדיק פון תנ״ך, מיט זיין פאַרבנרייכער, קלאַסישער שיינקייט און נביאיש־אויפטרייסלענדיקער בליציקייט, ביז דער שפּעטערדיקער סאַמעט־ווייכער תלמוד־אגדה מיט איר טיף נשמה־נאָגנדיקער בענקעניש צו גאולה און דערהויבונג און קינסטלערישן בריליאַנטן־שימער. דער תוך פון דער תלמודישער ליטעראַטור, אין אירעביידע צווייגן, הלכה און אגדה, איז אָבער געווען די מאָראַל פונעם געזעענעם אָביעקט, זיין אינערלעכע נשמה, ניט אַזוי די קינסטלערישע פאָרם. אַנדערש זיינען קבלה און חסידות. זיי זיינען לויט דער פאָרם און תוכן ביידע אין עצם גרויסע קונסט־געשטאַלטן.

די קבלה איז פול מיט סימבאָלן. זי איז נישט רעאַליסטיש, זי איז אָנגעלאָדן מיט מחשבות, וואָס סטאַרטשען אַרויף ווי שווער־הויערנדיקע ביינאַכטיקע פעלזן. אָבער די סימבאָליק באָדט זיך ממש אין אַ שפע פון פאָעזיע.

די ביבל פון דער קבלה, דער זוהר, שטעלט מיט זיך פאָר אַ ליכטיקן בלומען־טעפּעך פון לירישער צאַרטקייט. די גאַנצע פאַנטאַסטיק פון אָריענט, דעם אימפּעט פון אַנטציקטער התלהבות, די טונקעלע טיפקייט פון נביאישער עקסטאַטישער זעאונג. דער זוהר איז אַן אוצר פון לעבנס־חכמה און דערהויבונג; קיינע אַבסטראַקטע רעגעלן — זיי פאַרנעמען, יעדנפאַלס, ניט קיין וויכטיקן פּלאַץ; קיין מאָראַל־דרשנות, נאָר בלויז אָנשויאונגס־לעקציעס פאַר מענטשן פון פלייש און בלוט, לעבנס־קראַפט און שוואַכקייטן. ביישפּילן פון קוועלנדיקער ווירקלעכקייט אין דער שלימותדיקער פאָרשטעלונג גיסן זיך אָן אַ סוף, ווי שטראָמען רעגן, אין אַריינדרינגלעכע משל־פאָרמען.

דער זוהר איז די קינסטלערישע קבלה.

קבלה און חסידות האָבן פאַר אונדז געשאַפן דאָס גרויסע וואָרט: דבקות. דבקות — באַהעפטונג, צוזאַמענגיסונג. דבקות — אַריינלעבונג, איינס ווערן.

דבקות — מיט גאָט, מיטן אוניווערס, דבקות פון דער קליינער מענטשלעכער נשמה מיט דער גרויסער נשמה פון אַלוועלט, פון גאָט.

די דבקות מיטן רוים, די צונויפגיסונג, דער „סוד היחוד" מיט דער נאַטור, דאָס אַנטפּלעקן דעם תוך פון אַלע זאַכן, די וואונדערלעכע פּשטות און רירנדיקע באַשיידנקייט, דער פאָלקס־חן און תמימות, די ליכטיקע שטראַליקע פרייד, דער גלויבן אַז גאָט איז אומעטום און אין אַלץ, — דאָס איז דער קוואַל פון דער קבלה און חסידות־קונסט.

פון די סימנים פון יעדער גרויסער פּאָעזיע, איז דאָס באַהעפטן זיך מיט די פאַרבאָרגנסטע קוואַלן, מיטן הארץ פון דער וועלט און מיט דער נאַטור.

דער חסידיזם, וואָס האָט פאַרליבט דעם יידישן מענטשן אין דער גאַנצער וועלט, ווייל די וועלט איז גאָט (אלהים הוא הטבע), האָט אויך געוואוסט פון צונויפגיסונג און באַהעפטונג מיט דער נאַטור.

מיר פילן אין חסידות, אין אַלע אירע שטרעמונגען, די זאַפטיקע ריחות פון דער אוקראַינער לאַנדשאַפט; דעם הימל און די שטערן פון די קאַרפּאַטן־בערג; דעם גערוך פון די ליימיקע מאָלדאַווער הרודעס און דעם געדיכטן וואַלד־ריח פון די פּוילישע וועלדער.

דער בעש"ט האָט אויף די קאַרפּאַטן־בערג דערשפּירט דעם אָטעם פון דער פאַרכישופטער, סודותדיקער וועלט, פאַרנומען אַלע זילבן און קלאַנגען פון דער נאַטור; דעם ציטער פון אַ בלאַט און שאָרך פון אַ ווינטל, וואָס וויגט זיך ווי אַ תפילה איבער באַרג און טאָל.

ווי ווייט אָט די נאַטור־דבקות פון בעל־שם איז פון דעם תלמודישן פאַר־באָט אין פּרק ניט צו זאָגן: „ווי שיין איז דער בוים, דאָס פעלד!"

אין פּרק לערנען מיר וועגן יענעם, וואָס דערזעענדיק אַ קאָפּ וואָס שווימט אויפן וואַסער, קימערט אים די זעלטענע דערשיינונג בלויז מיטן מוסר־השכל, וואָס ער דרינגט פון איר אַרויס: „על דאטפת, אטפוך" — פאַר דער־טרינקען, דערטרונקען. דעם בעל־שם האָט אָבער אויך אינטערעסירט דאָס בילד און די פאַנטאַסטישע רעגונג; דער שפּיל פון כלערליי קעגנגעזעצטע פאַרבן און קלאַנגען. ער האָט אויפגענומען פאַרגענגלעכע פייזאַזשן און זיין געמיט האָט וויברירט אין זייער שיין. דערפאַר זיינען די מעשיות וועגן אים אַזוי פאַרבנרייך, צונויפגעוועבט פון הימל, ערד און שטערן און באַהויכט מיט אַלע ריחות פון דער כישופדיקער אוקראַינער נאַטור.

„אַמאָל האָט דער בעש"ט — דערציילט די חסידישע לעגענדע — געדאַווענט אין דאָרף אין אַ שייער, האָבן די פעסער מיט תבואה, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים, געציטערט פון התלהבות און געטאַנצט מיט אים אינאיינעם..."

און ניט נאָר דער בעש"ט, ר' פּנחס קאָרעצער און ר' אייזיקל קאַלעווער,

וואָס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געפּאַשעט געענדז און געפּראַוועט התבודדות אין וואַלד ביי קוסטעס, אויף לאַנקעס און ביי טייכן.

ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דער גרויסער דיכטער פון חסידות, האָט אין זיינע יונגע יאָרן, גלייך נאָך דער חתונה, שעה׳ן לאַנג פאַרבראַכט אין פעלד. דאָרט פלעגט זיך זיין פּאַעטישע נשמה באַהעפטן מיט דער נשמה פון דער נאַטור; דאָרט האָט ער געדעדט מיט זיך אַליין, מיט די פלאַנצן, מיט יעדן שטומען בעל־חי, מיט די בייטן תבואה, וואָס האָבן זיך געוויגט ווי כוואַליעס. ר׳ נחמן האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן רעדן מיט בייטן תבואה, מיט אַנגעלאָדענע זאַנגען, זיך פאַרקלאָגן פאַר אַ שטאָם פון אַ בוים און האָבן תרעומות פאַר אַן אויס־געטועמם צווייג. לאָמיר טאַקע דאָ ברענגען ר׳ נחמנס אייניקע נאַטור־שילדערונגען:

„ווינטער איז אין דער בחינה פון עיבור און אַלע גראָזן און שפּראָצונגען זיינען טויט. אָבער אַז עס ווערט זומער, וואָס איז געבורט, דאַן וואַכן זיי אויף. איז גוט דעמאָלט אַרויסצוגיין שפּאַצירן אַליין אין די פעלדער. דאָס שפּאַצירן אַליין איז אַ תפילה און אַ געבעט, און אַ גלוסטונג און אַ בענקעניש צו גאָט. אַלע גרעזעלעך פון פעלד, וואָס הייבן אָן צו לעבן און שפּראָצן, ווערן באַהאָפטן און ווערן אַריינגענומען אין דער תפילה און אין דעם געבעט.״

„עס איז גוט פרום צו זיין צווישן זיי״, האָט אַמאָל דער בראַצלאַווער געזאָגט צו זיין תלמיד, שפּאַצירנדיק מיט אים צווישן ביימער, בלומען און גראָזן.

וועגן ר׳ שניאור זלמן לאַדיער, דעם „בעל התניא״, דערציילט מען, אַז ער איז געקומען פון ליבשאַפט פון באַשעפער צום באַשאַף. ער האָט געהערט אין די אַקאָרדן פון דער בריאה, גאָטס קול. אַמאָל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, האָט דער בעל־התניא געפרעגט זיין זון:

— מיט וואָס דאַוונסטו, מיין זון?

— מיט כוונה, — האָט דער זון געענטפערט, — איך דאַוון מיטן פסוק „וכל קומה לפניך תשתחוה״.

— און איך דאַוון מיטן פויגל אויפן בוים, מיטן רויש פון ווינט, מיטן שאָרך פון בלעטער־פאַל, מיטן פויגל אין שטייג און אַפילו מיטן שפּראָץ פון דער וואַזאַנע, — האָט דער אַלטער רבי געענטפערט.

די ערשטע חסידים האָבן געהאַלטן, אַז אמתע תפילה קאָן פּראַקטיצירט ווערן ניט נאָר אין שול אָדער אין קלויז, נאָר אין ריזיקע וועלדער, אויף די בלויקייטן פון די וואַסערן און ביי דער לבנה אָפּגעשפּיגלט אין אַן אָזערע.

אַ רירנדיקע מעשה ווערט דערציילט וועגן משה פּאַסטוך, וועמען דער בעל־שם האָט אַמאָל באַגעגנט אין די קאַרפּאַטן־בערג. משה האָט ניט געקענט ניט קיין קבלה, ניט קיין תלמוד, ניט קיין חומש, ניט אַפילו קיין פשוטע עברי.

ווען דער בעל־שם האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער דינט גאָט, האָט יענער אים דערציילט, אַז יעדן טאָג טוט ער צוויי זאַכן. אין דער פרי, ביים זונען־אויפגאַנג, הייבט ער אויף די הענט צום הימל און זאָגט: „גאָטעניו, גאָטעניו, כ'האָב דיך אַזוי ליב, אַז ווען דו וואָלסט האָבן טשערעדעס מיט שאָף, וואָלט איך זיי פּאַשען אומזיסט", און יעדן פאַרנאַכט, ביים זונען־אונטערגאַנג, שפּרינגט ער עטלעכע מאָל אַריבער פון איין זייט גרוב אויפן אַנדערן, זאָגנדיק דערביי: „גאָטעניו, גאָטעניו, דאָס טו איך פון דיין ליבן נאָמען וועגן."

2. דער קוואַל פון שיינקייט

דער בעל־שם און זיינע תלמידים האָבן ניט געהערט צו דער צייט פון די תנאים; גיכער זיינען די פאַרדבקהטע געווען יידן פון די נביאיש־תנ"כישע צייטן, פון די נביאים מיט אַן אויער צום הימל אָבער מיט אַן אויג צו דער ערד. און אפשר האָבן זיי געהערט צו יענע אַמאָליקע געזונטע גליל־יידן, וואָס זיינען געווען דורכגענומען מיט דער גריכישער קלאַסישקייט; פון די, פאַר וועמען אַלץ אויף דער וועלט רעגט און צאַפּלט, זינגט און ברומט, טאַנצט און ציטערט פון פרייד.

די פּשוטקייט און קאָנקרעטקייט פון דער חסידישער עמאָציאָנעלער דבקותדיקייט מאַכט דעם איינדרוק פון גריכישן עראָס. איז דאָך דער בעל־שם געווען אַנטציקט פון דער נאַקעטקייט, איז דאָך אין דער חסידישער זאָגעכץ פאַראַן געגנוג פון אייביקן שפּיל פון ער און זי. אָבער דער עראָס איז דאָך ניט קיין גשמיותדיקער. אין בעל־שמס דבקותדיקער נצחון־הימנע פון לעבן ווייזט זיך אַרויס, אַז די גשמיות פאַרקערפּערט אויך דאָס וואָס האָט ניט קיין גוף, קיין גשם, וואָס איז לויטער רוחניות. די עראָטיק און דער גשם זיינען דורכגעזייט געוואָרן אין אַזאַ קדושה, וואָס איז לויטער גייסט.

אַלץ וואָס איז שיין — לערנט די בעש"טישע תורה — איז בלויז איין פונק, אַן אָפּשיין, אַ טייל פונעם אמתן קוואַל פון שיינקייט.

די שאַפנדיקע קראַפט, די געטלעכקייט, די הייליקייט, איז דער אינער־לעכער באַלעבונגס־כח פון אַלץ וואָס עקזיסטירט. אָבער אָט דער אינערלעכער, יערנדיקער כח איז אַרומגערינגלט מיט אַ דיקער שאָלעכץ, וואָס שטיקט און לעשט דעם שאַפנדיקן פונק. דעם מענטשנס ציל איז צו צעברעכן די שאָלעכץ און לאָזן פריי דעם פונק און אים אויפבלאָזן אין אַ פייער. דער מענטש דאַרף זיך באַמיען צו אַנטדעקן דעם קערן אונטער זיין אייגענער שאָלעכץ און אונטער דער שאָלעכץ פון אַלץ, מיט וואָס ער קומט אין באַרירונג. אַזוי־אַרום אַנט־פּלעקט ער און אַקטיוויזירט דאָס אידענטישע מיט גאָט.

כדי דאָס אויסצופירן, מוז דער מענטש אייביק זיך געפינען אין דער קעגנ־

וואָרט פון גאָט, דעם מוסטער פון פולקאָמענקייט, דער קוואַל פון אַלעם גוטן און שיינעם. האָבנדיק פאַר זיך שטענדיק דעם מוסטער און דעם קוואַל, לערנט זיך דער מענטש אויס גרינג און געניי צו דערקענען דאָס וואָס עס איז ענלעך צו דעם מוסטער, — צו דערשפּירן דאָס הייליקע אינעם וואָכעדיקן, דאָס ריינע אינעם אומריינעם, דאָס שיינע אינעם מיאוסן. פון דער אַנדערער זייט אָבער, האָבנדיק פאַר זיך דעם מוסטער און דעם קוואַל, איז דער מענטש אייביק פול מיט אַן אומגעהויערן דורשט נאָך העכערס, שענערס. וואָרים וויפיל שיינקייט דער מענטש זאָל ניט זען אין לעבן, איז עס דאָך אַלץ מער ניט ווי אַ טייל און אַ שוואַכע רעפלעקסיע פון דעם מוסטער און דעם קוואַל.

לערנט דעריבער ר׳ בער מעזעריטשער: „אַז דו זעסט אַ שיינע כלי, מוזסטו פאַרשטיין, אַז דער חומר (מאַטעריע) פון דער כלי האָט נאָר אַ קליינעם ווערט און אַז איר שיינקייט ליגט אינעם צד פון איר רוחניות.״ און דאָס זעלבע זאָגט ער וועגן דעם רייצנדיקסטן אָביעקט פון דער געטלעכער שיינקייט, די פרוי.

דער מעזעריטשער, דער יורש פון בעש״ט, האַלט אַז מען קאָן אַרויפ־ברענגען די מחשבות פון דער פרויס שיינקייט „צו איר וואָרצל״. „אָט אַזוי דאַרף מען זיך נוהג זיין — אויב ער האָט זיך פאַרקוקט פלוצלונג אויף אַ שיינער פרוי, זאָל ער טראַכטן אין געדאַנק זיינעם: פונוואַנען נעמט זיך צו איר די שיינקייט? — — — איז דאָך ניט אַנדערש, נאָר אַז דאָס קומט פון דעם געטלעכן כח, וואָס פאַרשפּרייט זיך אין איר. — — הייסט עס, אַז דער שורש (וואָרצל) פון יופי (שיינקייט) איז אַ געטלעכער כח. טאָ וואָס זשע באַדאַרף איך זיך לאָזן נאָכגיין נאָכן טייל? עס איז דאָך בעסער פאַר מיר איך זאָל זיך מתדבק זיין (זיך באַהעפטן) אין שורש און עיקר פון אַלע וועלטן, וואָס דאָרטן געפינען זיך אַלע שיינקייטן.״ („אור האמת״, ל״ז.)

דער אמתער קינסטלער לעבט אין ליכט פון פאַרבן. דאָס לעבן באַשטייט פון שפּליטערס און ברעקלעך און פון אַ דראַנג צו גאַנצקייט. מיר זיינען באַ־שאַפן אַזוי ווי מיט אַפגעריסענע שטריכן פון אַ פּענזל און דאָך מיט אַ באַגער צו באַגרייפן דאָס אַלץ־אַרומנעמענדיקע: פאַרשטיין די חכמה פון רואיקער שטילקייט און די גערעכטיקייט און שיינקייט פון אוניווערס, וואָס יעדעס פליגעלע און גרעזעלע, וואָס יעדער טראָפּן אין טייך און די זון אין הימל און דער גרויסער האַר פון דער וועלט — דער מענטש — זיינען גלייכע קרובים ביי אים.

די געבונדנקייט צווישן אַלץ און אַלעם מאַכט מעגלעך דעם רוח הנבואה, וואָס איז פאַרבאָרגן אין יעדן פון אונדז און וואָס רייסט זיך אַרויס דורך דעם נביא. דאָס בראשיתדיקע ליכט, וואָס איז פאַראַן אין דער נשמה פון יעדן פון אונדז, מאַכט מעגלעך עס זאָל קאָנען זיין קונסט און אַנטפּלעקט זיך דורך דעם קינסטלער.

3. וואָרט און בילד

חסידות האָט ניט נאָר געבראַכט מיט זיך דאָס ליכט פון מיסטיש־פאַרהוילן דערזען, נאָר אויך געעפנט נייע קוואַלן פאַרן יידישן וואָרט־שאַפן, אַריינגע־בראַכט אַ שפע בילדער, קלאַנגען, באַוועגונגען און ריטמען.

דאָס יידישע וואָרט האָט אַן אַלטע טראַדיציע פון בילדלעכקייט.

„עס איז אַ ווייטער מהלך צווישן תורה און חומש. די תורה איז פאַרריגלט, פאַרחתמעט, מען קאָן קיין איין אות נישט אַראָפּנעמען, קיין איין אות נישט צוגעבן. אָבער דער חומש איז פריי פאַר דער פאַנטאַזיע. פאַר דער תורה האָבן קליינע חדר־ייִנגלעך מורא געהאַט, כאָטש זיי האָבן געשטוינט פאַר איר גרויסקייט, אָבער מיטן חומש זיינען זיי געווען גוטע חברים. די שלשה אבות און די ארבע אמהות, — אברהם, יצחק, יעקב, און שרה, רבקה, רחל און לאה, — האָבן אויסגעקוקט ווי היימישע ליבע מענטשן. גאָר אַן אַנדער אויסזען האָבן זיי שוין באַקומען אין דער אגדה, פונוואַנען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן איבערוואַנדלען אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלקס־קינד. צווישן די ווענט פונעם חדר האָבן די אַלע חומש־געשטאַלטן געשפּאַצירט ווי זיי זיינען געענדערט און פאַרקינסטלעריש געוואָרן דורך די יידישע מדרשים, דורך דער יידישער באַ־פליגלטער פאָלקס־לעגענדע. וויפיל דורות — אַזויפיל נייע לעגענדע־שיכטן זיינען אָנגעוואַקסן אויף די פאַרשיידענע מעשיות פון דער תורה! און וואָס די געשטאַלט איז געווען גרעסער, הייליקער, אַלץ מער האָט זי באַקומען נייע גלגולים אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

„אין תנ״ך ווערט אליהו הנביא געשילדערט ווי אַ בייזער, צאָרנדיקער נקמה־נעמער, וואָס שעכט אויס די פאַלשע נביאים. ער ווערט באַגלייט פון אַ שטאַרקן שטורעם, וואָס „רייסט בערג און ברעכט פעלזן״. ער בייזערט זיך און שילט: „זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל און פאַרצערן דיך און דיינע פופציק!״ זיין סוף איז אויך שטורעמדיק — „אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד״ נעמט אַרויף אליהון „מיט אַ שטורעם־ווינט אין הימל אַריין״. די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אָבער דערנאָך אַראָפּגעצויגן אליהון פון הימל און אים געמאַכט פאַר אַ מילדן, רחמימדיקן — אַ „מזג־טוב״. וואו עפּעס אַן עת־צרה, וואו אַ שווער הארץ, ברענגט די פאַנטאַזיע אַראָפּ דעם גוט־האַרציקן אליהו, ער זאָל היילן די קראַנקע, טרייסטן אַ שווער געמיט. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אים איבערגעגעבן פשוטע ערדישע שליחותן, געמאַכט פאַר אַ ניאַנקע ביי אָרעמע קינדער און אַ האַלץ־העקער ביי אַ נויט־באַדערפטיקער קראַנקער אלמנה.

„עס איז אַן אַלטער קריג צווישן הלכה און הגדה, צווישן דאָס איינ־געשטעלטע און דאָס אויסגעטרוימטע. עס שטייט געשריבן: „הלכה איז

ברויט, אגדה איז ווייך, און נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש.״ און נאָך ווערט געזאָגט: „האַלט נישט גרינג דעם משל, מיט אַ גראָשנדיק ליכטל זוכט מען אַמאָל אַ פאַרלוירן גאָלדן רענדל אָדער אַ טייערן פערל און דורך אַ לייכטן פשוטן משל באַנעמט מען אַמאָל דעם טיפסטן געדאַנק.״ און דאָס יידישע פאָלקס־וואָרט איז נאָך געגאַנגען ווייטער און געזאָגט: „אַ גויאיש ווערטל איז, להבדיל, אַ תורה״...״ (נחמן מייזיל, „איציק מאַנגער״ — „יידישע קולטור״, 2, 1942.)

עס זיינען ניטאָ קיין גרענעצן פאַר דער באַפליגלטער פאָלקס־פאַנטאַזיע פון אַ לעבעדיק, שאַפעריש פאָלק. די פאַנטאַסטיק האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גלוטיקער בילדלעכקייט. די בילדלעכקייט פון דער חסידישער מעשה, געדאַנק, וואָרט, איז אַ שטריך פון זיין עצם נאַטור; זי קוועלט פון זיין אינעווייניקסטער פּאָעטישקייט און הויכן פּאַטאָס.

אין די חסידישע ספרים וועט מען ניט געפינען די דיסציפּלינירטע אינטעלעקטואַלקייט פון דער הלכה און אַפילו ניט די שימערירנדיקע פיַנקלדיקייט, עלעגאַנץ און גראַציע פון דער שפּאַנישער „גאָלדענער עפּאָכע״. די מעשיות און די ווערטער פון די ערשטע חסידים זיינען איבערפלייצט מיט שורשדיקע גליענדיקע פאַרבן, וואָס שלאָגן אַרויס פון פאַרביקן און זאַפטיקן פאָלקס־לעבן. דאָס בילד איז ניט בלויז דער שטאָף, דער געצייג, דער רמז פאַרן אינהאַלט, נאָר טאַקע דער אינהאַלט אַליין.

דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט די בילדערישע געדאַנקלעכקייט און פאַנטאַזירנדיקע דערציילערישקייט, איז טאַקע געווען דער בעל־שם אַליין. ער איז געווען דער מכשף פון וואָרט. אַזוי ווי מחמד אַמאָל זיין תורה פון ברונעם, אַזוי האָט ער אַרויסגעכישופט פון זיינע אייגענע טיפעניש זיין תורה.

די ערשטע חסידישע צדיקים האָבן אָנגעהויבן אַריינבלאָזן אַ נייעם אָטעם אין דער וואָרט־קונסט. אין זייער ווילן אויסצודריקן זייערע געדאַנקען, פאַרטייטשן זייערע פּסיכישע און פיזישע איבערלעבענישן, האָבן זיך די חסידישע פירער דערהויבן צו דער מדרגה פון קינסטלער פון וואָרט.

* * *

דער ליטעראַרישער מעדיום פון די ערשטע חסידישע פירער איז געווען דער דרש, דער קנייטש פון פסוק — דער פאַרגלייך און דער משל, אָדער אַלע דריי צוזאַמענגענומען.

דער דרש — דעם בעל־שמס דרש, איז ניט פּלפּוליסטיק. ער איז קורץ און שאַרף. „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ — איך בין גלייכגילטיק צו טאַדל און לויב, צו רייכקייט און אָרעמקייט, ווייל איך בין דאָך שטענדיק באַהאַפטן מיט גאָט. אַ גרויסע און שיינע אידייע אַריינגעלייגט אין פיר ווערטער! אַזאַ שאַרפקייט איז איינדרוקספול. איינער פון די פיינסטע חסידישע קנייטשן, וואָס אַנט־

האַלטן אַ פּסיכאָלאָגישן אמת וועגן אונטערבאַוואוסטזיניקן אויטאָמאַטישן דענ־קען, ווערט געבראַכט אין דער אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון: „והיה כמנגן המנגן ותהי עליו רוח ה׳ — ווען דער שפּילער (גאָט־דינער) פאַרהאַלט זיך אַזוי פּאַסיוו ווי זיין אינסטרומענט, בלויז דעמאָלט קומט אויף אים דער הייליקער גייסט.״

דער קורצער חסידישער דרש איז אַ שאַרפער סטימול, אָנרעגער צום קינסטלערישן דענקען.

ר׳ יהודה סטרעטינער פלעגט זאָגן: „ה׳ מלך גאות לבש״, — גאָט קליידט זיך אין דעם שטאָלץ, וואָס גוטע מענטשן וואַרפן אַוועק. אַ געמיש פון אידייע און בילד.

דער חסידישער משל און פאַרגלייך זיינען פשוט און קאָנקרעט. די חסידישע לערער האָבן אויסגענוצט די פשוטע געשעענישן און פאַקטן פון לעבן כדי צו העלפן זייערע צוהערער זיך אַריינלעבן אין מיסטיש־פּסיכישע איבער־לעבונגען. לאָמיר געבן אַ פּאָר ביישפּילן:

דער פיזיש־פּסיכישער פּראָצעס פון עקסטאַטישער באַהעפטונג ווערט פון בעל־שם דערקלערט אַזוי: אַזוי ווי אַ פייער, אין אָנהויב, ווען מ׳בלאָזט עס אויף, לעשט זיך עס, דערנאָך ווערט עס אַלעמאָל גרעסער און גרעסער און אַפילו דאַן באַוועגט זיך עס אַרויף און אַראָפּ, — אַזוי אויך איז די התלהבות: אָט דערגרייכט זי די העכסטע מדרגה פון דבקות און אָט דערגרייכט זי עס ניט. זי הייבט זיך און פאַלט. אַ שטענדיקער פאַרגעניגן וואָלט דאָך קיין פאַרגעניגן ניט געווען.

ר׳ בונעם פּשיסכער פלעגט זאָגן: „אחות לנו קטנה ושדים אין לה״ — מיט דעם איז געמיינט די חקירה. „ושדים אין לה״ — זי האָט ניט קיין יניקה, ניטאָ פונוואַנען צו זויגן, פון וואָס צו שעפּן, די קוואַלן פון שכל אַליין מוזן פאַרשטאָפּט ווערן.״

ר׳ משה קאָברינער האָט געזאָגט: „צוהר תעשה לתיבה״ — שטראַל אַריין אין וואָרט, באַלייכט עס.

די חסידישע ליטעראַרישקייט איז באַשטאַנען אין דערקלערן אָן איינפאַכע עמאָציע מיט אַ סימיל און דורך אַ משל. דער משל און דער סימיל קומען פּאָר זעלטן אין די חסידישע ספרים אַלס זעלבשטענדיקע שאַפונגען, מייסטנס זיינען זיי אַריינגעפלאָכטן אין דרש.

איך וועל דאָ ברענגען עטלעכע משלים ווי אילוסטראַציעס.

„איינער האָט געשפּילט אויף אַ וואונדערלעכן כלי־זמר מיט גרויס מתיקות. די וואָס האָבן די מוזיק געהערט, האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון גרויס תענוג, אַזוי אַז זיי האָבן געטאַנצט ביזן באַלקן פון גרויס פאַרגעניגן. און וואָס איינער איז געווען נעענטער און וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט

צו הערן דעם כלי־זמר, אַלץ מער תענוג האָט ער געהאַט און אַלץ שטאַרקער האָט ער געטאַנצט. דערוויל איז אָנגעקומען אַ טויבער, וואָס האָט כלל ניט געהערט דאָס קול פונעם זיסן אינסטרומענט. ער האָט נאָר געזען, אַז מענטשן טאַנצן, זיינען זיי געוואָרן אין זיינע אויגן ווי משוגעים און ער האָט געזאָגט אין זיין האַרץ: וואָס טוט דאָ די שמחה?" („דגל מחנה אפרים, יתרו.")

„צוויי מענטשן האָבן געוואָלט קענען דעם מלך. דער ערשטער איז דורכ־געגאַנגען אַלע צימערן פון מלך און האָט געזאָגט די שיינקייט און זעלטנקייט פון זיינע אַנטיקן און פּאַלאַצן. דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער האָט זיך מיטן מלך אַליין ניט געקאָנט באַקענען. דער צווייטער האָט געזאָגט: וויבאַלד אַז דעם מלך אַליין קאָן איך ניט קענען, וויל איך שוין גאָר אין זיינע צימערן ניט אַריינגיין..." („כתר שם טוב.")

מיט וואונדערבאַרע משלים, אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס וואָס דראַמאַ־טיזירן די אמתן פון דער חסידישער אידייע, האָט זיך אויסגעצייכנט ר' בער מעזעריטשער:

„אַמאָל איז אַ בן־מלך געגאַנגען אין דאָרף אַריין, כדי דאָרטן אויסגעפינען אַן אוצר, האָט ער זיך געמוזט אָנטאָן אין פּויערשע מלבושים, כדי מען זאָל אין אים ניט דערקענען דעם בן־מלך, אים אויסזאָגן אַלע סודות און וויזן דעם אָרט וואו עס געפינט זיך דער אוצר. אַזוי איז אויך דער צדיק. ער רעדט פּראָסטע ווערטער און באַהעפט זיך מיט גאָט, ווייל ער אַליין איז אויסגעבונדן מיט אים."

„אַמאָל איז גאָט כביכול זיך מצמצם, ער באַשרענקט זיך צוליבן מענטשן. אַ משל צו אַ פאָטער, וואָס זיין זון שפּילט זיך מיט שפּילצייגן, מחמת גרויס ליבשאַפט שפּילט ער אויך מיט, כאָטש ער קוקט אויס יינגלש, אָבער מחמת ליבע צום קינד באַשרענקט ער זיין שכל, כדי דער קליינער זאָל עס קאָנען אויפנעמען..."

„אַ מלך האָט געהייסן זיינע קנעכט אויפצוהייבן אַ גרויסן באַרג, אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך. האָבן זיי זיך געגעבן אַן עצה, אונטערצוגראָבן דעם באַרג און אים צעברעקלען אויף קליינע בערגלעך און יעדער איינער וועט קאָנען אויפהייבן לויט זיינע כחות. גאָט האָט געהייסן איינגעמען די טומאה. נעמען מיר אַרויס די פונקען פון דער קדושה און די טומאה צעברעקלט זיך."

* * *

די אַפאָריזמען און ווערטלעך פון די צדיקים זיינען מוסטערן פון עכטער וואָרט־קונסט. די ווערט פונעם אַפאָריזם איז פונקט ווי דער פאַנטעאיסטישער טייל פון דער חסידישער מעשה, ניט נאָר אין דעם רעזאָנאַנס וואָס רופט עס אַרויס און דער אָפענער אָדער באַהאַלטענער כוונה, נאָר מער אין דער בילד־לעכקייט פון וואָרט.

די בילדער זיינען די ראַמען פונעם נשמה־געמעל. איך וואָלט געקאָנט אויספילן אַ גאַנץ קאַפּיטל מיט קלאַסישע ביישפּילן פון לירישע און בילדלעכע רייד. וועל איך זיך באַנוגענען מיט אַ פּאָר מוסטערן:

ר׳ בער מעזעריטשער זאָגט: „די אותיות זיינען היכלות.“ „יעדער אות איז אַ גאַנצע וועלט.“ „דאָס וואָרט איז די כלי פאַר דער מחשבה, דער משל — פאַרן שכל.“

ר׳ נחמן בראַצלאַווער:

„כ׳בין געגליכן צו איינעם, וואָס בלאָנדזשעט אום טאָג און נאַכט אין אַ מדבר און מיעט זיך און מאַטערט זיך צו מאַכן פון אַ מדבר אַ ישוב.“

„אַמאָל פליט עפּעס דורך אין דער מחשבה אַזוי ווי אַ גיך־פליענדיקער פויגל. מען דאַרף האָבן גענוג כח און שכל דעם פויגל צו כאַפּן.“

„איך קאָן מאַכן וואונדערלעכע כלים, דער חסרון איז נאַר, וואָס איך אַליין מוז צוגרייטן דעם געצייג.“

און אָט איז דעם בראַצלאַווערס אַזאַ וואונדערלעך סימבאָליש בילד:

„דער יצר־הרע איז געגליכן צו איינעם, וואָס גייט אום מיט אַ צוגעמאַכטער האַנט און קיינער ווייסט ניט וואָס ער האַלט דאָרטן. וואָס האַלט איך? — פרעגט ער פאַרפירעריש יעדן איינעם, און יעדערער מיינט אַז ער האָט אין זיין האַנט דאָס, וואָס אים וואָלט זיך וועלן האָבן. דערפאַר יאָגן זיך נאָך אים אַלע. אָבער שפּעטער, אַז ער עפנט אויף די האַנט, זעט מען אַז ס׳איז אין איר גאָרנישט דאָ.“

אָט זיינען מוסטערן פון זיינע קורצע אַפאָריזמען:

„יעדער מענטש האָט זיין גן־עדן אויסגעמאָלן אויף זיין פּנים.“ „עס איז נישט גענוג אַלט צו זיין. אַ חסיד אַ זקן טויג נישט און אַ רבי אַ זקן טויג נישט.“ „דאָס האַרץ שענקט דעם קוואַל אַ טאָג במתנה.“

ר׳ נחמן איז געווען דער קלאַסיקער פון יידישן סימבאָליזם. זיינע לירישע ספורי־מעשיות זיינען גענוג באַקאַנט, אָבער זיינע הונדערטער אַפאָריזמען האָבן אויך צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

פּאַטעטיש־קינסטלערישע אימאַזשן, מעטאַפאָרן, געפינט מען אויך ביי זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער, דער אַפּאָסטאָל פון בראַצלאַווער תורה. „מיין האַרץ האָט געטראָגן די פּיס, איך האָב געטאַנצט מיט דער נשמה.“

צענדליקער אַנדערע חסידישע רביים האָבן געהאַט די געבענטשטע פּיאיקייט אויסצודריקן זייערע רעיונות מיט דער הילף פון לירישע אויסגוסן און בילדלעכע פאַרגלייכונגען.

ר׳ משה אוהעלער האָט אַמאָל געטראָפן ר׳ אייזיקל קאַלעווער אַ נאַקעטן. פרעגט אים ר׳ אייזיקל: „ווי אַזוי זע איך אויס אין דיינע אויגן?“ — „ווי אדם הראשון איידער ער האָט פאַרזוכט פון עץ־הדעת.“

ר׳ בער ראַדאָשיצער איז אַמאָל אין אַ פּראַסטיקן טאָג געגאַנגען מיט זיינע תלמידים ביים ברעג פון אַ פּאָליאַנקע. האָט ער דערזען ווי די פּויערים האָבן אין פאַרפרוירענעם וואַסער אויסגעשניטן אַן אייזיקן צלם. האָט זיך ר׳ בער אָנגערופן צו די חסידים: „יעדע זאַך וואָס איז קאַלט, פאַרפרוירן, מעג עס זיין ריין און לויטער ווי קרישטאָל, וויבאַלד עס ווערט פאַרפרוירן, קאָן מען פון דעם מאַכן טומאה...״

דער קאָצקער האָט געוואָלט איבערצייגן ר׳ יצחקל וואורקער, אַז מען טאָר זיך ניט צופיל אַראָפּלאָזן צום המון, האָט ער אים דערציילט די מעשה:

„אַ צאַפּ איז אַמאָל געווען. אַ הייליקער צאַפּ. גרויסע הערנער האָט ער געהאַט. גרויס, אַז זיי האָבן געקאָנט די שטערן דערגרייכן. יעדע נאַכט, אַז חצות איז געקומען, האָט דער צאַפּ זיך אויף די הינטערשטע פיס געשטעלט, די הערנער צום הימל אויסגעשטרעקט. האָבן זיי די שטערן אָנגערירט און יעדער שטערן האָט שירה געזונגען. מאַכט זיך אַמאָל, גאָר פרי, אַ דאָרפס־ייד איז געקומען אויפן מאַרק און האָט פּלוצלונג דערזען, אַז ער האָט דאָס שקעטעלע טאַבאַק פאַרלוירן. האָט ער צער געהאַט. געזוכט און געזוכט. דער הייליקער צאַפּ האָט דאָס דערזען, צו אים זיינע הערנער אויסגעשטרעקט. וואָס טוט נישט אַ הייליקער צאַפּ פאַר אַ יידנס וועגן? און דער דאָרפס־ייד האָט זיך פון אַ שטיקל הייליקן האָרן אַ שקעטעלע געמאַכט. אַן אויפגעלייגטער איז דער ייד אין בית־המדרש אַריין צום דאַווענען. ער האָט פון נייעם שקעטעלע יידן מיט טאַבאַק מכבד געווען. יידן האָבן זיך געוואונדערט. קיינמאָל האָט נאָך קיין טאַבאַק אַזוי נישט געשמעקט. און פון אַלע זייטן האָט מען גענומען פרעגן דעם דאָרפס־ייד, פונוואַנען ער האָט אַזאַ שמעקעדיקן טאַבאַק. דער טאַבאַק איז דער זעלבער ווי אַלעמאָל. בלעטער שטויסט ער. נאָר דאָס שקעטעלע איז אַ נייעס, און ער האָט דערציילט פונוואַנען ער האָט דאָס שקעטעלע. יידן האָבן זיך אויפן מאַרק אַרויסגעלאָזט און מען האָט געשניטן פון הייליקן צאַפּס הערנער טאַבאַק־שקעטעלעך. שמעקעדיקע טאַבאַק־שקעטעלעך פון הייליקע הערנער... דער טאַבאַק האָט געשמעקט, יידן האָבן הנאה געהאַט, נאָר דעם הייליקן צאַפּס הערנער זיינען וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן. זיי האָבן שוין מער ניט געקאָנט צו די שטערן דערגרייכן, און אַז עס איז געקומען חצות, האָבן די שטערן שוין מער קיין שירה ניט געזונגען...״

ר׳ לייב קאָפּוסטער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן עצבות: „טרויערן איז געגליכן צו פוילן. ס׳זיינען אָבער פאַראַן צוויי מינים פוילן — אַ קערנדל פוילט אין זאַק און ווערט פאַרפוילט; אַן אַנדער קערנדל ווידער פוילט אין דער ערד און עס וואַקסט פון אים אַרויס אַ גאַנצער בוים.״

אַזעלכע ווערטלעך, בילדלעכע און משלדיקע ווערטער פלעגן די חסידישע רביים געברויכן. דאָס זיינען פונקען, בליצן אין אַ פייערדיקן ים פון פאַנטאַזיע.

4. פאָלקס־פאַנטאַזיע

די ערשטע חסידים האָבן געשאַפן דאָס חסידות, זיי זיינען אָבער אויך איר שאַפונג. די וואָס וועלן שרייבן די געשיכטע פון חסידישן ביישטייער צו דער קונסט וועלן מוזן אָנהייבן פון די חסידים אַליין, נישט פון זייערע ווערטער, וואָס זיינען ווי פאַרטריקנטע בלומען פאַרלייגט אין די ווינקלען פון זייער תורה. די געשטאַלטן פון אַלע ערשטע צדיקים אַליין זיינען קינסטלערישע געשטאַלטן, פּראָדוקטן פון קאָלעקטיווער שאַפונג. דאָס פאָלק אַליין האָט אויסגעטיילט די מענטשן מיט זייער אַנדערשקייט און זיי דערהויבן ביז צו דער מדרגה פון זיין בלוט־וויזיע. דער פאָלקס־דמיון האָט זיי פאַרשענערט, פאַרפולקאָמט און זיי באַצירט מיט אַלע פאַרבן און שטראַלן, וואָס ציען זיך נאָך פון דעם ערשטן מענטשנס אויפגעלויכטענעם פנים, בשעת ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויס־געזונגען זיין עקסטאַז און זיין פרייד אויף דער ערד.

נישט נאָר די חסידישע מעשיות און לעגענדעס, תורות און ווערטלעך, נאָר אויך די איבערלעבענישן פון די זיילן פון חסידות, זייער לעבנס־שטייגער, פּירעכץ, האָבן געפונען אַן אויסדרוקביים פאָלק און שפּעטער אויך געווירקט אויף יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן דערלאַנגט אַ בליק אין די קינסטלערישע פאַרבאָרגענישן פון חסידיזם.

„דריי אייגנשאַפטן זיינען נויטיק פאַר שיינקייט : פולקאָמקייט, האַרמאָניע און קלאָרזיכט.״ (טאָמאַס פון אַקווינאַס). די דריי אייגנשאַפטן האָט דאָס פאָלק געזען אין די צדיקים, וואָס האָבן געצונדן זיין נשמה און זי דערהויבן. פון צדיקס אַ וואונק האָט דער חסיד געמאַכט אַ שלימות און אין דעם רבינס אַ בויג — האָט דאָס פאָלק געזען אַ מאַניפעסטירונג פון הייליקייט, אַ מוסר־השכל.

„איך בין ניט געפאָרן צום מעזעריטשער מגיד — האָט ר׳ לייב שרהס געזאָגט — צו הערן זיין תורה, נאָר זען ווי ער טוט אויס און טוט אָן די פאַנטאָפל.״ פערזענלעכקייט — העכער פון תורה, מענטש — וויכטיקער פון אידייען. „סטיל״ — באַדייטנדיקער פון „אינהאַלט״.

„אַז דער רוזשינער צדיק פלעגט רויכערן זיין ליולקע־ציבעק, פלעגט ער מיחד זיין יחודים און מעלה זיין נשמות״, זאָגט ר׳ חיים צאַנזער.

ר׳ משה סופר פון פּשעוואָרסק, איינער פון די אצילותדיקע געשטאַלטן פון חסידות אין איר בלי־תקופה, אַ נאָענטער חבר פון ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער, איז שוין ביי זיין לעבן פאַרהייליקט געוואָרן אין דער חסידישער וועלט. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ווען ר׳ משה שרייבט זיינע ספרים, פליען פונקען פון דער יריעה, פון די אותיות, אויפן געלן פּאַרמעט...

ווען דער קאָצקער רבי האָט זיך פון דער וועלט פאַרמאַכט, זיך פאַרשלאָסן אויף זיבן ריגלען, פלעגט פון צייט צו צייט אַריינגיין צו אים אַ תלמיד, אַ חבר

פון דער יוגנט. אַמאָל, ווען ר׳ יעקב ראַדזימינער פלעגט קומען און פלעגט אַריינגיין צום רבין, פלעגט ער זיך דערוויסן חידושים און זיי פלעגן צעטראָגן ווערן פון אויער צו אויער. אין יעדן וואָרט פון רבין האָבן די חסידים אַריינגעטייטשט אַן אינערלעכן מיין, אַ טיפן אינהאַלט.

אַמאָל האָט דער קאָצקער געפרעגט דעם ראַדזימינער:

— יעקב, צו וואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט?

דער ראַדזימינער קלערט, קלערט און ענטפערט:

— כדי זיין נשמה, וואָס איז אַ חלק פון דער געטלעכקייט, מתקן צו זיין.

— יעקב! — שרייט דער רבי. — אין פשיסכע, ביי אונדזערע רביים, האָבן מיר אַנדערש געלערנט: „דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, כדי די הימלען צו דערהויבן.“ ווערט אין דעם רבינס וואָרט אַריינגעטראַכט און עס ווערט אויסגעטייטשט: „דער רבי וויל די הימלען דערהויבן. עס איז אים ענג אין אין־סוף...“

„מיינע אויגן האָבן געזען און ניט קיין אַנדערער — זאָגט ר׳ שלום בראַ־הינער — אַז אַ גאַנצע וואָך איז דאָס פנים פונעם צדיק ר׳ יצחקל סקווירער געווען בלאַס ווי קאַלך, אָבער שבת האָט זיין פנים אויפגעפלאַמט מיטן אויבערשטן פלאַם...“

* * *

„עס זיינען נישטאָ קיין גרענעצן פאַר דער באַפליגלטער פאָלקס־פאַנ־טאַזיע“. אין וואָס אייגנטלעך איז באַשטאַנען די אייגנטימלעכקייט פון דער חסידישער פאָלקישקייט? די פאָלקס־מעשיות, וואו דער חסידישער המון האָט אַרויסגעבראַכט זיינע באַליבטע געשטאַלטן אין נייע סיטואַציעס און זיי איינ־געטיילט העכערע פונקציעס, זיינען גוט באַקאַנט.

די פאָלקס־מעשה וועגן נעמיראָווער צדיק (ר׳ משה לייב סאַסעווער), וואָס י. ל. פרץ האָט אַזוי קינסטלעריש באַאַרבעט אין זיין „אויב ניט העכער“, וואו דער צדיק אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין זיין גאַנצער גרויסקייט מיט זיין אָנטאָן זיך אין מיטן נאַכט אין אַ פויערים־פעלצל צו ברענגען אַ קראַנקער יידענע אַ בינטל האָלץ . . . און ער הייצט איין דעם אויוון און זאָגט פזמונים פון סליחות, און חסידים האָבן געמיינט, אַז דער רבי איז אין הימל . . . און די ענלעכע פּרצישע פאָלקס־מעשה מיט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס אַנשטאָט קומען אין שול צו כל־נדרי, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ קינדס וויגעלע..

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט דער פּאָעט איציק מאַנגער אַריבערגעבראַכט די חומש־געשטאַלטן אין אַ היימישלעכער פאָלקסטימלעכער סביבה. ער האָט זיי צוגעגעבן כאַראַקטער און סטיל פון דער יידישער פאָלקס־

סביבה. דאָס איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פּאָעטישער פּרואוו אַרויסצו־ברענגען די חומש־געשטאַלטן אין אונדזער פאַרשטעלונג.

אויף אַזאַ אופן, אויף אַ מער פּרימיטיוון שטייגער, אָפטמאָל דורך מגידישן דרוש און סאָפיזמען, האָבן חסידישע רביים געגעבן אַ טיפן אינערלעכן אויס־דרוק דער פאָלקסטימלעכקייט.

„שטעלט מיך אוועק אין גושן" — האָט ר' מאירל פּרעמישליאַנער, דער עמך־דיקער (אַמכאַדיקער) רבי פון גאַליציע געזאָגט, — „און איך וועל אייך דערקענען די לאַפּעטע, מיט וועלכער איך האָב געאַרבעט." ער האָט מיט דעם אויסגעדריקט זיין פיזישע צוגעבונדנקייט מיט היסטאָרישע לאַנדשאַפטן.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס רירנדיקע וואָרט פון ר' מענדעלע קאָצקער: „איך געדענק נאָך ווער עס איז געשטאַנען לעבן מיר ביים באַרג סיני." עס ווערט אויפגעלעבט מיט אַ סך פאַנטאַזיע דאָס אויסזען פון אַ חומש־לאַנדשאַפט, די פאָלקישע אויסגעמישטקייט מיט דער לאַנדשאַפט.

„אין ערשטן גלגול בין איך געווען אַ כהן גדול — האָט אַמאָל דער אַפּטער רב דערציילט זיינע חסידים — און איך געדענק ווי אַ שיינער רייכער ייד האָט אַמאָל געפירט אַ לעמעלע צום מזבח, אַ קרבן וואָס זאָל מכפר זיין אויף זיינס אַ זינד מיט אַ שפחה... האָט זיך דאָס לעמעלע אָפּגעריסן פון צוים און איז אַנטלאָפן און דער שיינער ייד האָט עס נאָכגעיאָגט איבער די ירושלימער גאַסן, וואָס זיינען פול געווען מיט יידן..." דאָס איז אַ מוסטער פון שעפערישער פאַנטאַזיע, געשטאַלטיקט און באַלעבט דורך פאָלקסטימלעכן גראַטעסק און פאַרוועבט מיט אַ מוסר־השכל וואָס רייסט אַראָפּ דעם צביעותדיקן שיכט פון הייליקייט, וואָס שיצט אַ זינדיקן...

ווען מען שפּאַנט איבער די וועגן פון די חסידישע לעגענדעס, דערשפּירט מען דאָס פאַרבאַרגענע ליכט, וואָס שיינט אַרונטער פון אויבן. אָבער מיט דעם אַליין ענדיקט זיך עס ניט. די לעגענדע, דער ספּור־המעשה ברויזט אויף אין זילבער־מעלאָדיעס און טרעפנדיקע תמציתדיקע שילדערונגען פון לאַנד־שאַפטן.

ווען דער אַלטער רבי פון חב"ד איז געזעסן אין פּעטערבורגער תפיסה, אַ געשמידטער אין קייטן צוליב דער מסירה, — דערציילט די חסידישע לעגענדע, — איז אים אַמאָל געקומען באַזוכן דער בייזער צאַר פּאַוול. ער האָט אים געפרעגט ווי שפּעט ס'איז. אין תפיסה איז געווען פינצטער, און דער רבי האָט קיין זייגער ניט געהאַט.

„דאָ איז נאַכט, — האָט ר' שניאור זלמן אים געענטפערט, — נאָר איך ווייס ס'איז טאָג. ס'איז צוועלף אַזייגער מיט כך וכך מינוטן... קיין זייגער האָב איך ניט, נאָר דער זייגער איז אין מיר... די צוועלף צירופים פון שם הויה לייכטן מיר ביי טאָג און וועדליק די צירופים ווייס איך צו זאָגן די שעה'ן

און מינוטן...״ עס גייט אויף פון דער לעגענדע עפּעס דערהויבנס און סימ־באָלישעס. אין די ווערטער דערשפּירט מען דעם „עפּעס״, וואָס איז טיף און הויך, און דער איינדרוק קליידט זיך אָן אין בילד. עס דרייען זיך די רעדלעך פון די צירופים, פון די אותיות, דרייען זיך ווי זייגערדיקע שרייפלעך און לייגן זיך אויס פינקטלעך און גלאַט.

„צען מייל אַרום מעזשביזש פילט מען דעם ריח פון דער שכינה״ — האָבן דעם בעל־שמס תלמידים געזאָגט וועגן וויגעלע פון חסידות.

ר׳ הלל פאַריטשער, דער פאַרמוחטער חב״דניק, האָט געזאָגט: „די פעל־דער פון רייסן און ווייס־רוסלאַנד ליגן פאַרטראַכט אין תניאדיקער התבוננות און קוקן מיט אַ שלוהדיקער רואיקייט צו די הימלען.״

אָט די קורצע לעגענדעס און ווערטלעך, וואָס אויפן ערשטן בליק האָבן זיי ניט קיין אַנדער כוונה חוץ דאָס לעגענדאַרישע, זיינען געקומען פון פאָלקס־טימלעכן קוואַל פון פאָלקס־פאַנטאַזיע.

ר׳ בונעם פשיסכער האָט געוואָלט אויסמאָלן דאָס געשטאַלט פון זיין רבין, דעם ייד הקדוש, האָט ער געזאָגט:

„אין אַ שייער האָב איך אַמאָל געפונען אַ זאַנג, וואָס יעדעס קערנדל אירס איז לויטער גאָלד. אַזאַ פּנים האָט געהאַט מיין רבי, דער ייד הקדוש.״

ר׳ הערש פאַרצעווער, וואָס פלעגט אין קאָצק דאַווענען פאַרן עמוד, האָט אַמאָל אַרומגעזוכט זיין טלית און אים ניט געקאָנט געפינען. האָט ר׳ העניך אַלעקסאַנדרער צו אים אַ זאָג געטאָן: „וואָס דאַרפסטו אַ טלית, הערש? מען וויקלט זיך איין אין ארבע כנפות הארץ און מען דאַוונט...״

אָט אַזאַ פאָעטישע סימבאָליק, בילדלעכקייט, וואָרט־געמעל, האָבן חסידים געניצט. אַזעלכע כוונות האָבן זיי אַריינגעלייגט אין דעם רבינס ווערטער.

דער חסיד האָט געזען אין רבין די „שלימות און קלאָרזיכט״ און דאָס האָט געשאַפן דעם חסידישן מיטאָס, די מיטאָלאָגיע פון שיינקייט און פול־קאָמענקייט.

* * *

ניט נאָר דעם לעבן פון די חסידישע רביים האָבן חסידים אַנגעקליידט אין פאַנטאַסטישער רעגנבויגיקייט, אויך דער טויט פונעם צדיק איז אַרומ־געריינגלט געוואָרן מיט אַ העלן גייסטיקן גלאַנץ, דער „יום המיתה״ איז באַ־שטראַלט געוואָרן מיט אַ יום־טובדיקייט, וואָס טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ. די מיסטעריע פון איבערגאַנג פון ערדישן לעבן צום נייעם לעבן ווערט הייליק אויסגעזונגען אין די לעצטע שעה׳ן פון צדיק אין די גסיסה־רגעס.

שבועות פאַרנאַכט, ווען עס איז געקומען די צייט פון זיין הסתלקות, האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע תלמידים: „איך בין גאָרניט בדאגה, איך ווייס אויף געוויס, אַז איך גיי דורך איין טיר אַרויס און תיכף וועל איך אַריינגיין דורך אַן אַנדער טיר.״ ער איז געוואָרן רואיקער און רואיקער. זיינע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט און אַז מע האָט זיך צוגעבויגט צו אים האָט מען געהערט ווי ער זאָגט דעם פּסוק אין תהילים: „אל תבואני רגל גאוה...״

„אין דער זעלבער רגע פון זיין טויט, זיינעןביידע זייגערס אויף דער וואַנט אין זיין חדר געבליבן שטיין.״ אַזוי שילדערט די חסידישע לעגענדע דעם טויט פון איר שאַפער.

דעם בראַצלאַווער׳ס געשטאַלט האָט נאָך זיין טויט ניט אויפגעהערט צו פאַרכישופן זיינע חסידים. ביי דער גסיסה, ווען זיין תלמיד ר׳ נתן האָט אויסגעשריען: „רבי, אויף וועמען פאַרלאָזטו אונדז?!״ האָט ער אומגעקערט ס׳פּנים און געזאָגט: „איך גיי בלויז איבער פון איין חדר אין אַן אַנדערן...״

אַז עס איז געקומען די צייט, ווען דער רבי ר׳ אלימלך ליזשענסקער האָט געדאַרפט אַוועקגיין פון דער וועלט, האָט ער אָנגעשפּאַרט די הענט אויף די קעפּ פון זיינע תלמידים. דעם חוזה פון לובלין האָט ער געגעבן ס׳ליכט פון זיינע אויגן. דעם קאָזשניצער — דעם כח פון זיין האַרץ, דעם אַפּטער — זיין מויל, דעם רימאַנאָווער — זיין נשמה.

און אָט וואָס חסידים דערציילן וועגן אַלטן רבי ר׳ שניאור זלמן לאַדיער. עס איז געווען אין יאָר 1812, ווען נאַפּאָלעאָנס אַרמיי איז געפלויגן פון רוסלאַנד, געיאָגט פון קאַלטסטן ווינטער אין דער געדעכעניש פון מענטשן. עס איז געווען די נאַכט פון צוויי־און־צוואַנציקסטן טאָג אין טבת. דאָס דערפל פּייענע אין קורסקער גובערניע איז געווען באַגראָבן אין טיפן שניי. ווילדע זאַווערוכעס האָבן געשטורעמט איבער די עלנטע פּויערישע כאַטקעס. בלויז פון איין הייזקע האָט אַרויסגעשטראַלט אַ שוואַכער שיין פון אַ הילצערן קינעלע. אויף אַ צעבראָכן בעטל אויסגעשפּרייט מיט היי איז געלעגן דער אַלטער רבי, מיד און צעבראָכן, די לעצטע כחות האָבן אים פאַרלאָזן. שוואַרץ ווי טינט זיינען די ווינטער־נעכט אין די קורסקער דערפער. שעה׳ן זיינען אומעטיק ווי מצבות און די נאַכט ציט זיך אָן אַ סוף. דאָך איז דער שבת־נאַכט געווען אָנגעזאַפּט מיט רחמים. אַ חסד ליכט האָט געניִדערט און געטריפט פון אויבן און האָט זיך געשפּונען אין אומעטיקן חלל... אין פּויערס שטיבל האָט געשמעקט מיט גן־עדן ריחות...

דער צדיק איז געלעגן. לעבן אים איז געזעסן אַ יונגערמאַן. דער צדיק האָט אים געזאָגט מיט אַ שוואַכן קול: „זונינקע, וואָס זעסטו אויבן?״ דאָס איינקל האָט געענטפערט: „אַ באַלקן, ויידע, שוואַרץ, פאַררויכערט.״ דער צדיק האָט צעשפּרייט זיינע ליכטיקע הענט. די זאַווערוכע האָט זיך צעשטורעמט.

„גייך, זונינקע, איך זע שוין ביט דעם באַלקן. איך זע טיפער. איך זע דעם כח, וואָס גיט לעבן און קראַפט דעם טויטן חומר. איך זע די קראַפט, וואָס שאַפט אַלץ. איך זע ווייטער פון חומר. געלייטערט, אין אַלץ איז גאָט, אין דעמב, אין שפּענדל, אין באַלקן.״ אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער אַלטער נסתלק געוואָרן.

אַזוי דערציילט די חסידישע לעגענדע וועגן טויט פון „בעל־התניא״, דעם צדיק־פילאָסאָף, וואָס האָט געהאַט אַן אויער פאַר דאָס סודותדיקסטע, פאַר דעם פאַרבאָרגנסטן אין דער נאַטור. און אויפן געדאַנק קומען אַרויף די צוויי קלאַסיש־געוואָרענע ווערטער, וואָס דער גרויסער העלענער פון ווײַמאַר (געטע) האָט געזאָגט אַ מינוט פאַרן טויט: — „מער ליכט!״

„אַ רגע פאַר זיין אָוועקגיין פון דער וועלט, האָט דער רבי ר׳ בונעם געהייסן די חסידים זינגען אַ ניגון. ווען די חסידים האָבן פאַרצויגן אַ זמר און די רביצין איז פאַרגאַנגען אין געוויין, האָט דער רבי געזאָגט: וואָס פאַר אַ געוויין אויף דיר? דאָס גאַנצע לעבן האָב איך מיך געלערנט ווי צו שטאַרבן, און מיין האַרץ איז איצט אָפן פאַר גאָט ווי אַ טיר.״

דער צדיק האָט אַרויסגעכישופט זיין ליכטיקע פרייד פון האַרטן און טונקעלן עלנט. פאַרן טויט זאָגט די נשמה שירה צו גאָט, גייט אויס אין אירע אייגענע פלאַמען.

ר׳ אליעזר טאַרניגראַדער, ווען ער איז געקומען קיין קאָזשעניץ און דער־זען פונדערווייטנס דעם גרינעם בית־עולם, האָט ער געזאָגט: „ווי שיין איז דאָס פעלד, עס איז גוט דאָ צו ליגן.״ באַלד איז ער געשטאָרבן...

ר׳ הערש זידעטשויווער האָט פאַרן טויט דערציילט די חסידים ווי איינער אַ תנא, ר׳ אבהו, איז געשטאָרבן און מען האָט אים געוויזן דרייצן טייכן פון שמעקעדיקן בוימל...

אַזאַ פאַנטאַזיע דריקט אויס די שטימונג פאַרן טויט. אַ שטימונג פון לייכטער מעלאַנכאָליע, שרעק, תמימות און קינדערשע פאַרוואונדערונג.

ר׳ אהרן סטאַרעשעליער האָט שמחת־תורה אויף דער נאַכט געזאָגט תורה, אָוועקגעפאַלן און אַ מינוט פאַרן טויט געהייסן זיין תלמיד ענדיקן. די תורה איז ווייטער דערציילט געוואָרן. דאָס ליד איז ניט איבערגעריסן געוואָרן.

ר׳ מאירל דזשיקעווער איז געשטאָרבן זיצנדיק. ער האָט געלאָזן וואָלקנס רויך פון זיין ליולקע, אויסגערופן: „הנשמה לך והגוף לך״, און נסתלק געוואָרן.

ר׳ דוד משה טשאָרטקאָווער, וואָס איז געשטאָרבן הושענא־רבא, האָט פאַרן טויט געזאָגט „נשמת כל חי״. געוואָלט צונויפגיסן זיין נשמה מיט יעדער לעבעדיקייט, שפּירן דעם אָטעם און ס׳חיות פון דער וועלט.

דער טויט פון די צדיקים בלענדט און ציטערט אין דער חסידישער פאַנ־טאַזיע ווי פלעמלעך און שטראַלן, און גייט אויף אין יום־טובדיקער דערהויבונג.

5. פסיכאָלאָגיע פון חסידות

„דו ווילסט וויסן מיין גרונט, איז — קענסטו מיין אָפּגרונט?״ — האָט ניצשע אַמאָל געפרעגט. אָפּגרונטן ניט נאָר פון פערזענלעכן לעבן זיינען נויטיק צו וויסן, נאָר פון דענקען. אין דער קריסטלעכער ליטעראַטור זיינען דאָ אַ סך ביכער פון מיסטיקער, ניט נאָר איבער, נאָר טאַקע פון מיסטיקער, און די פסיכאָלאָגיע האָט אין זיי געפונען אַ רייכן אוצר.

וויליאַם דזשעימס, אין זיין באַרימט בוך איבער רעליגיעזער פסיכאָלאָגיע, האָט זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע נשמה־אויסגוסן, מיט די „קאָנפעסיאָנען״ פון אויגוסטינוס און פון סט. טערעזע, מיט פראַנציסק פון אַסיסיס לידער־־הימנעס. עס איז אַ רייכע און פאַרביקע ליטעראַטור, זי עפנט פאַר אונדז אָפּגרונטן און האָריזאָנטן.

ניט ווייניקער רייך אין פסיכאָלאָגישע עלעמענטן איז די חסידישע ליטעראַטור. אין חסידיזם זיינען פאַראַן ניט בלויז לעגענדעס, נאָר אויך דער קוואַל פונוואַנען די לעגענדעס זיינען גענומען, דער פסיכאָלאָגישער פּראָצעס פון זייער שאַפן און אויפקום, פון זייער דענקונגס־האָריזאָנט.

עס איז פאַראַן אַ קוואַל, וואָס ווייזט ווי אַזוי דער חסידיזם, די חסידים, האָבן געשאַפן זייער וועלט, ווי אַזוי די לעגענדעס זיינען באַשאַפן געוואָרן, ווי אַזוי די תורות האָבן זיך געשפונען און זיך פאַרפלאָכטן ביז צו אַ פסיכאָלאָגישן סיסטעם.

צונויפגעוועבט מיט טויזנטערליי מאָטיוון, — גלויבן, הערשאַפט, היער־אַרכיע, פאַרליבטקייט אין זיך, אַנטוישונג, — איז דער גרונט־מאָטיוו פון חסידות פאַרט דער פסיכאָלאָגישער: דער מענטש איז בלויז אַ סימבאָל און יעדער דור ווערט פאַרקערפּערט אין אַן אַנדער „אדם השלם״, דער פולקאָמענער מענטש, דער צדיק. דאָס איז דער תוך און דאָס איז דער עיקר. דאָס איבעריקע איז פאָרם: שיין און מלכותדיק ביים ריזשינער, אצילותדיק־מוחדיק — ביי די חב״דער, רעוואָלוציאָנער־ברוגזנדיק — ביי די קאָצקער, אָרעם און באַשיידן — ביי אַנדערע. דאָס איז דאָס צייטלעכע, דאָס וואָס פאַרגייט און בייט זיך, אָבער דאָס אייביקע בלייבט: דאָס וואָס איז דער קערן פון דער יידישער נשמה, פונעם יידישן מענטשנס נשמה.

מען דאַרף זיי זוכן, די פסיכאָלאָגישע עלעמענטן אין די חסידישע ספרים, דאָרט וואו זיי זיינען אַזוי יידיש־פאַרפלאָכטן, אַז עס איז כמעט אוממעגלעך זיי אַרויסצופלאָנטערן, אַרויסוויקלען זיי און זיי געבן אין אַן אַלגעמיין־באַגריפ־לעכער פאָרם. זיי שטראַלן אָבער אַרויס פון די לעגענדעס און ווערטער פון די צדיקים.

דער עלעמענטאַרער פּסיכאָלאָגישער כלל־גדול, וואָס די חסידישע לערער האָבן זיך געשטעלט, איז: „דערקען זיך אַליין." לערנען זיך צו באַטראַכטן, אויפצוהייבן זיך איבער דער נשמהס נאַטירלעכע אייגנשאַפטן און זיי גוט תופס זיין, צעטיילן זיך אויף צווייען — אויף אַ נאַטירלעכן מענטשן, וואָס לעבט אויפן עולם השפל און ווערט נתפּעל פון יעדער קלענסטער געשעעניש, וואָס קומט מיט אים פאָר, און אויף אַן „אָדם־העליון", אַן איבערמענטשן, וואָס גייט ניט מיט דער צייט און אירע געשעענישן האָבן אויף אים קיין שום השפּעה ניט, נאָר ער זעצט זיך הויך, הויך און קוקט פון זיין הויכקייט אַראָפּ אויפן קלענערן מענטשן. דאָס איז אַ סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם נאַטור־בויט־ווענדיקן דואַליזם, דער געשפּאָלטנקייט פון דער וועלט.

דאָס לעבן פליסט אין צוויי הויפּט־שטראָמען: איינס איז דער קדושה־שטראָם, דער ווילן צו הייבן זיך, צו לייטערן די אייגענע נשמה אין בלויען פייער פון תשובה און טאָן גוטס. דער אַנדערער — איז דאָס פאַלן אין טיפסטן תהום און לעבן אין דער נידעריקסטער זינד. אָבער פון אָט דעם קאָנטראַסט האָט זיך אויסגעפורעמט דער מענטש, און דעריבער איז שווער צו באַגרייפן דאָס פּסיכישע דערהויבן זיך און פאַלן פון מענטשן. חסידות האָט אָבער גע־לערנט צו מאַכן דעם סינטעז פון קדושה און טומאה. די קדושה זאָל אַראָפּ־נידערן צו דער טומאה כדי זי צו פאַראיידלען אין איר הייליקן פלאָם. „די עובדה פון צדיקים באַשטייט אין דעם, וואָס זיי רייניקן אָפּ די מענטשלעכע נשמות, רייסן פון זיי אַראָפּ די קליפּה פון זינד און הייבן זיי אויף צו זייער ליכטיקן מקור" (ר' בער מעזעריטשער). אָט דעם געדאַנק פון פאַראייניקן דעם דואַליסטישן ריס אין מענטשן האָט ר' שניאור זלמן לאַדיער אויפגענומען און אַנטוויקלט און דערהויבן צו דעם הויפּט־טעם פונעם „בינוני", דעם מיטל־מענטשן, דעם דורכשניטס־מענטשן. בינונים — מיטעלע. מיר זיינען אַלע בינונים, וואָס דאַרפן זיך לייטערן, ניט קיין רשעים און ניט קיין צדיקים. יעדער איז די גאַנצע פאַרבן־סקאַלע פון „מדרגין אל דרגין", פון דעם העכסטן שטאַפּל ביזן לעצטן, און ער, דער דורכשניטס־מענטש, איז אייגנטלעך דער סימבאָל פון דעם קאָסמאָס, וואָס איז באַזירט אויף חכמה־אילעא, דער אויבער־שטער חכמה, וואָס פאַראייניקט ביידע שטראָמען — דעם אויבן און דעם אונטן, און וואָס דורך איר דערנעענטערט זיך דער מענטש צו זיין וואָרצלדיקער מציאות.

דער אמתער קינסטלער איז דער, וואָס קען זיך און דער פאַר ווען דאָס לעבן איז שטרעבן, שטרעבן אַרויסצוכישופן פון זיין אייגענער תהומותדיקייט זיין ניצוץ, פונק, דעם ניצוץ פון זיין „איך".

ר' זושע האַנאַפּאָליער האָט געזאָגט: „אויף יענער וועלט וועט מען מיך נישט שטראָפן ווייל איך בין ניט געווען קיין בעל־שם. אַ בעל־שם קאָן מען

ניט ווערן. מ׳וועט מיך שטראָפן פאַרוואָס איך בין ניט געווען קיין זושע. אַ זושע האָסטו דאָך געקאָנט זיין..."

און ר משה לייב סאַסעווער האָט געטייטשט: „כי אתה זוכר כל הנשכחות" — דו געדענקסט אַלע שכחהס (פאַרגעסונגען). טוט אַ מענטש אַ מצווה און פאַרגעסט זיך — געדענקסטו. טוט ער אַן עבירה און געדענקט זי — פאַרגעסטו. טוט ער אַ מצוה און געדענקט זי — פאַרגעסטו..."

6. דער בראַצלאַווער אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז

„אין דער חסידישער ווייבער מיסטיק, אין אירע וואָלקנס איז מעגלעך אַלץ וואָס איז אוממעגלעך." (א. לונאַטשאַרסקי, „וועגן יידישער קונסט".)

דער האַריזאַנט פונעם קינסטלער, זיין געמיט, זיין קלאָרער אויסבליק פאַרן פּייזאַזש, זיין אינעווייניקסטער געהער פאַר מוזיק, פאַר קלאַנג, מוז זיין פאַרבונדן מיט זיין אינעווייניקסטן „איך". זיין לעבן, וואָס איז פול מיט וואונדער, מוז געשפּייזט ווערן פון דער טיפער טונקלקייט פון זיין אונטער־באַוואוסטזיין.

די פּסיכאָאַנאַליטישע תורה האָט אַנטדעקט אַ קאָמפּלעקס פּסיכאָלאָגישע אמתן פון אומגעהויערער וויכטיקייט פאַרן פאַרשטיין דעם מענטשלעכן גייסטיקן שאַפן.

פאַרשיידן אין געמיט, כאַראַקטער און פּסיכישן איינשטעל זיינען געווען די געשטאַלטן פון חסידיזם. מען קאָן אויפן סמך פון זייער לעבן, שאַפן, ווערטער, אַנטדעקן אַ קאָמפּלעקס פּסיכאָלאָגישע אמתן, וואָס זאָל באַלייכטן די תהומותדיקייט פון זייערע נשמות.

דער ערשטער צווישן די, אויף וועמען מען קאָן אַנעקסירן די פּסיכאָלאָגישע געץ און אַנטדעקן די סובלימירונג פון ליבידאָ און אַנדערע פרוידיאַנישע קאָמפּלעקסן, איז דער רבי־דיכטער ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

אין זיין יוגנט האָט ר׳ נחמן געהאַט אויסצושטיין פיל סעקסועלע נסיונות. „דער יצר־הרע" — דערציילט זיין תלמיד ר׳ נתן אין „חיי מהר"ן" — „האָט אים געוואָלט צורו לאָזן, ער זאָל אַלע תאוות גיך צעברעכן, נאָר תאוות־משגל זאָל ער דעם יצר־הרע צולאָזן. וואָרים דער עיקר יצר־הרע איז נאָר אין דער תאוה. האָט ער אים געזאָגט: פאַרקערט, אַז דו ווילסט מיך כאַפּן מיט דער תאוה, מוז איך דוקא נאָר זי צעברעכן אינגאַנצן..." אַזעלכע שטעלן געפינען מיר אַ סך אין די ספרים פון ר׳ נחמן.*) ניט נאָר די ליידנשאַפטלעכע אימהדיקייט האָט צו טאָן מיט ר׳ נחמנס גייסטיקן לעבן, ער האָט אויך געליטן

*) זע, יעקב בעקער, ר"נ מברצלב, מחקר פסיכואנאליטי. הוצאת „דעה", ירושלים, תרפ"ח.

פון אַנדערע תאוות, וואָס ער האָט אונטערדריקט. ער האָט געהאַט אַן עקסט־רעמען קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. ער האָט געהאַט האַלוצינאַציעס, געווען נערוועז, פול מיט אויפגערעגטע שטימונגען און קאַפּריזן. אַמאָל פריילעך, אַמאָל גאָר אומעטיק און דער עיקר — ער האָט גאָר געהאַלטן פון זיך. ער איז געווען אַ טיפער עגאָצענטריקער און האָט אונטערגעשטראָכן זיין אין זיך פאַרליבטקייט. ער האָט זיך באַרימט, אַז דער זיידע, דער בעש״ט, קומט פון יענער וועלט אים זען, און איינמאָל האָט זיין מאַמע אים אויסגערעדט פאַר־וואָס ער האָט אויפגעהערט צו גיין אויפן בעש״טס קבר, האָט ער געענטפערט: „אויב דער זיידע וויל מיך זען, קאָן ער קומען אַהער.״ ער פלעגט כסדר אונטערשטרייכן זיין אייגענע גרויסקייט. „די וועלט, האָט ער געזאָגט, טראַכט אַז איך האָב זוכה געווען צו מיין הויכער מדרגה מחמת איך בין דעם בעש״טס אַן אייניקל, אָבער עס איז ניט אַזוי.״

„איך גיי אויף אַ וועג, וואָס קיינער איז נאָך אויף אים ניט געגאַנגען... איך קען אַזויפיל חכמות, אַז ווען איך וואָלט אַנגעהויבן אַרויסוויזן נאָר אַ קליינעם טייל פון זיי, וואָלטן מענטשן געקאָנט לעבן בלויז מיט דער הנאה פון די חכמות און וואָלטן נישט געדאַרפט עסן און טרינקען...״

„איך האָב אַזאַ געהיימע שטים, האָט ער אַמאָל דערציילט, אַז איך קאָן שטיין צווישן אַ גרויסן עולם מענטשן און שרייען פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן — און קיינער זאָל נישט הערן...״ ער איז אַזוי פאַרגלויבט געווען אין זיך, אַז ער האָט געזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען מענטשן וועלן מיט קנאה פרעגן איינער דעם אַנדערן: „האָסטו פערזענלעך געקענט ר׳ נחמנען? ביסטו טאַקע באמת געווען ביי אים אין הויז?״

איינמאָל האָט ער געהאַלטן אין איין האַנט אַ בויגן פאַרשריבן פּאַפּיר און האָט אויסגעשריען: „וויפיל תורות זיינען דאָ פאַרשריבן!״ נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „עס זיינען דאָ גאַנצע וועלטן, וועלכע ציען זייער חיות נאָר פון דעם רויך פון דער תורה״ — און ער האָט גענומען דאָס שטיק פּאַפּיר און עס אָנ־געצונדן.. איינמאָל האָט ער געזאָגט, אַז די וועלט האָט נאָך דעם אמתן טעם פון זיין תורה ניט פאַרזוכט. „ווען זיי זאָלן הערן נאָר איין תורה, זיין איינ־איינעם מיט איר רקוד, מיט איר ניגון, וואָלטן זיי אַלע בטל געוואָרן פאַר אים. אַפילו די חיות און די גראָזן און אַלץ וואָס איז דאָ אין דער וועלט, וואָלטן צעגיין פון גרויסן און כישופדיקן תענוג.״

זיין פאַרליבטקייט אין זיך איז באמת געווען אומפאַרגלייכלעך. עס איז זיכער: זיינע מאָנומענטאַלע קינסטלערישע מעשיות זיינען אַ פלאַסטיש־מוזיקאַלישע און דערציילערישע סובלימאַציע פאַר די שטורעמס פון זיין נפש, פאַר די באַגערן פון זיין לייב און זעל, גוף און נשמה.

„איך בין אַ שיינער און וואונדערלעכער בוים מיט פּלאַ׳דיקע צווייגן און מיט די וואָרצלען בין איך ממש אין דער ערד...״ *)

ר׳ נחמן האָט געשטעקט אין דער ערד. געווען פאַרטאָן אין ערדישקייט. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין „קטנות״, ווי די חסידים האָבן עס גערופן. אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, דערציילט דער „שבחי הר״ן״, האָט ער זיך געשפּילט ווי אַ קינד, געגאַנגען באָרוועס און געטאָן נאָר „קטנות״. דאָס איז געווען יענע שעפערישע צעטומלטקייט פונעם קינסטלער, וואָס נעמט זיך פון צופיל גייסטיקער שפע, פון יענעם הייסן שטראָם, וואָס וואַרפט דעם קינסטלער פון הייליקן ערנסט צו שפּיל, פון קודש צו חול.

ר׳ נחמן איז געווען קראַנק אויף נאַרציסיזם (עקסטרעמע אייגן־ליבע). אַזוי האָט ער געלעבט, געשאַפן און אַפילו געשטאָרבן. פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט: „איך האָב דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, וואָס קיין העכערע פון איר קאָן קיין בשר־ודם שוין נישט דערגרייכן. אָבער איך קאָן נישט בלייבן שטיין אויף איין מדרגה. איך מוז נאָך העכער און העכער שטייגן. דערפאַר בענק איך שוין נאָכן טויט...״

„מיין קויל וועט טליען ביז משיח וועט קומען...״ אַפילו דער טויט איז ביים בראַצלאַווער קינסטלעריש־פּאָעטיש פאַר־יום־טובט געוואָרן, אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ דערהויבענעם גלאַנץ. „איך וועל בלייבן צווישן אייך און איר זאָלט קומען אויף מיין קבר.״ אָט די ווערטער, ווי די אַנדערע שבחים און הימנעס צו זיין אייגענעם איך, האָבן אָנגעצונדן מאַסן, וואָס ציען זיך נאָך היינט פאַרגליווטע אויף זיין קבר, שוואַרצן גרענעצן ביז זיי קומען צום מיסטישן אוהל אין דער סאָוועטישער אומאַן, אוקראַינע.

די וואָס ווילן אָנווענדן דעם פּסיכאָאַנאַליטישן מעטאָד אויף ר׳ נחמנס לעבן, וועלן זיין גערעכט. אָבער ניט ניט נאָר אויף זיין לעבן, נאָר נאָכמער אויף זיין שאַפן קאָן מען דעם מעטאָד אָנווענדן.

אין וואָס באַשטייט די אייגנטימלעכקייט פון בראַצלאַווערס קונסט־פאָרם און זיינע מעשיות? זיין שאַפן פאַרמאָגט די אייגנשאַפט פון חלום. אויב עס איז ריכטיק, וואָס פרויד זאָגט, אַז דער פּראָצעס פון חלום און שאַפן איז אין תוך דער זעלביקער, האָט קיינער אַזוי ניט דערנעענטערט — ביז צו אידענטיש־קייט — די דאָזיקע צוויי פּראָצעסן ווי דער בראַצלאַווער. זיין שאַפן מאַכט אַן איינדרוק ווי אַ סטענאָגראַפישער אומענדלעכער חלום פון אַ מענטש, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ געניאַלער פלאַסטישער פאַנטאַזיע.

ווי אין אַ חלום — איז אויך ביים בראַצלאַווער דאָס אומרעאַלסטע, דאָס פאַנטאַסטישע, רעאַליסטיש געצייכנט, מיט אַלע פּרטים פון טאָג־טעגלעכקייט;

*) די און אַנדערע אַפאָריזמען זיינען גענומען פון ש. ניגערס אריינפיר צו ספּיוואַקס דראַמע „נחמן בראַצלאַווער״.

ווי אין אַ חלום, ווערט אויך ביי אים דאָס אומלאָגישסטע דערציילט מיט אַ מינע, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס לאָגישסטע אויף דער וועלט. ביים לייענען זיין „פאַרלוירענע בת־מלכה", „זיבן בעטלערס", „די מעשה פון בעל־תפילה" דאַכט זיך אייך, אַז אויב נישט אייך חלומט זיך דאָס, אַסיסטירט איר לכל־הפחות ביי אַ צווייטנס חלומות. איר שפּירט, אַז, ווי אין אַ חלום, איז דאָ ניטאָ קיין אוממעגלעכס.

* * *

נאַרציסטישקייט, פאַרליבטקייט אין זיך אַליין איז געווען אַ כאַראַקטער־שטריך אויך פון אַנדערע חסידישע צדיקים. עס איז מאַנכעס מאָל פּשוט נישט צו פאַרשטיין ווי זיי האָבן געקאָנט רעדן פון עניוות און זיך אויך האַלטן פאַר די גרעסטע און הייליקסטע, סיידן מיר זאָלן עס דערקלערן מיט זייער הינטער־באַוואוסטזיין, אָדער ווי חסידים רופן עס, דאָס האַרעווען איבער זיך און דאָס איבערוווינדן דעם „איך".

ר' מענדעלע וויטעבסקער פלעגט זיך אונטערשרייבן „השפל באמת" (דער אמת־נידעריקער) און פלעגט דאָך ליב האָבן צו קליידן זיך אין די שענסטע קליידער און זיך צירן אין צירונג...

ר' יחיאל מאיר אָסטראָווצער איז געווען שטאָלץ אויף זיין יוגנט, ווען ער איז געווען אַ בעקער־יינגל. פונדעסטוועגן האָט ער זיין גאַנץ לעבן געפאַסט, כדי אָפּצוקומען אויף דער וועלט פאַר זיין פראַסט־בעקערשער זינד.

ר' אהרן קאַרלינער האָט, למשל, געהייסן אויסקריצן אויף זיין מצבה די ווערטער: „חוטא שבחוטאים, פושע שבפושעים, שבאמת איני יודע אם יש גרוע יותר ממני" („זינדיקער פון די זינדיקסטע, שולדיקסטער פון די שולדיקע, וואָס איך ווייס באמת ניט צי עס איז דאָ אַן ערגערער פון מיר"), און גלייך דערנעבן שרייבן: „זכה וזכה את הרבים" („ער האָט אַליין זוכה געווען און יענעם געמאַכט זוכה זיין").

אַלץ סתירות, וואָס מיר געפינען ביי די גרויסע.

7. אַ יידישער „בראַנד"

פול מיט אינעווייניקסטע מלחמות און שאַרפע סתירות, וועלכע האָבן גע־פייניקט די גרעסטע פערזענלעכקייטן, איז געווען ר' מענדעלע קאָצקער, דער רעוואָלוציאָנערסטער, בונטאַרישסטער בעל־מחשבה, וואָס ס'חסידות האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט געוואָלט ברעכן די טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונג פונעם צדיק. ער האָט געשטרעבט פאַראייניקן ס'האַרץ מיטן מח. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי ווי מח אַן אמונה איז אַנגעשלאָגן מיט געשווילעכץ, אַזוי איז פאַרקערט, אמונה אָן מח ניט מער ווי שטות. אַן מענטשן איז קיין הימל ניטאָ, און דער מענטש דאַרף ווינסן, מוז ווינסן, וואָס אין הימל טוט זיך.

אַנגעלאָדן מיט אַ שטאַרקן ווילן און אַ האַרץ פון אייזן, האָט זיך דער קאָצקער, ווי אלישע בן אבויה אַמאָל, אַריינגעלאָזן אין עולם־המחשבה, אין פּרדס פון מעטאַפיזיק און אָנגעהויבן פלעכטן אַ שטריק, וואָס זאָל די ערד ציען אַזש ביז צום הימל.

געדענקט איר איבסענס העלד „בראַנד". מיט זיין לאָזונג „אַלץ אָדער גאָרניט"? בראַנד האָט נישט געוואוסט פון קיין קאָמפּראָמיסן, ער האָט זיך נישט באַרואיקט מיט קיין קליינינקייטן, אַלץ — אָדער גאָרנישט! דער דאָזיקער דעוויז ווערט איבערגעחזרט ביי אים נישט איין מאָל. דער קאָצקער איז געווען אַ יידישער „בראַנד".

בראַנד וויל פון שטיקלעך נשמות, פון קלאָגעדיקע ברעקלעך גייסט ווידער באַשאַפן עפּעס גאַנצעס, אַז גאָט דער שאַפער זאָל אין אים קאָנען דערקענען די קרוין פון זיין שאַפונג און דעם „יונגן אָדם", און דער קאָצקער האָט גע־טענהט צו חסידים: „הייליק זאָלט איר זיין — מענטשלעך הייליק."

„לאָזט לויפן די רעדער פון אייער מחשבה", — טענהט ר' מענדעלע צו די חסידים, — קוקט טיף אין אין־סוף אַריין. אויב גלויבן, דאַרף דער גלויבן זיין אַ פולער, אַ געלייטערטער. אויב עס גייט שוין יאָ אין מופתים, דאַרף דער מופת אַרויסדרינגען פונעם גלויבן, און ניט פאַרקערט.

בראַנד האָט אויפגעשטעלט די לערע פון פאַראייניהייטלעכן דעם אידעאַל מיטן לעבן, פון אַזאַ אָרדענונג, „וואָס זאָל איינס צונויפגיסן דאָס טאָג־טעגלעכע מיטן גייסטיקן פלי אין די איבערשטערנדיקע הויכקייטן פון די הימלען", און דער קאָצקער האָט געגראָבן אין די טיפענישן, געעגבערט אין אין־סוף. אַמאָל האָט ער געזאָגט: „מיט איין פוס בין איך אין זיבעטן הימל און מיטן צווייטן שטעק איך אין שאול־תחתיה." בראַנד, דער מענטש וואָס האָט געוואָלט אָדער אַלץ אָדער גאָרנישט, האָט געמוזט פירן אַ קאַמף מיט אַלע. „מען דאַרף די נשמות באַפרייען, זיי באַנייען און רייניקן. פון דער צעקראָכנקייט, פוילקייט קיין שפורז ניט לאָזן." דער קאָצקער האָט אויך געוואָלט דערהויבן ס'חסידות, וואָס האָט זיך שוין בימיו געבראָכן אויפן וועג צו ירידה און פאַרשפּרייט אַ פוילקייט אַרום זיך. ער האָט געלערנט אַריסטאָקראַטישקייט, די הימלען דער־הויבן, און אויב עס געלינגט ניט — זינקען אין תהום. „אין פּשיסכע האָט מען אונדז געלערנט: די הימלען דערהויבן."

דער אויבערמענטש בראַנד איז געווען פון אָנהויב אָן פאַרמשפט אויף דורכפאַל, זיין גורל איז געווען בלויז איינזאַמקייט. אויך דער קאָצקער, ווען ער האָט דערשפּירט, אַז זיינע רייד פאַלן אויף טויבע אויערן, האָט ער זיך אָפּ־געזונדערט פון עולם, געוואָרן אַ פּרוש, אַן אָפּגעשלאָסענער, פאַרטריבן די התגלות־בילדער און געטריבן די חסידים מיט קללות.

אין זיין תפיסה־צימערל האָט ער צעגלידערט מענטש־פּראָבלעמען, אויפ־געשניטן ווייטיקן, געעגבערט דאָס געוויסן און געמאָנט פאַרענטפערונג.

דער קאָצקער האָט ניט פאַרמאָגט די פאַנטאַסטישע שלוה, מיט וועלכער די חסידישע פירער פאַר אים האָבן זיך אויסגעצייכנט. ער האָט אָבער געהאַט זייער דעמאָנישן שטאָלץ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן גע־וואָגטן זאָג: „דעם תלוי האָט יאָ געזאָלט געראָטן — מיר נישט?"

אין קאָצקערס שאַרפע, פּאַראַדאָקסאַלע אַפאָריזמען הערט זיך דער ווידער־קלאַנג פון ניצשעס איבערמענטשלעכן טראַגיזם. ער האָט זיך געשטעלט די גרעסטע אויפגאַבן און ווען ער האָט זיי ניט דערגרייכט איז ער געוואָרן אַ טראַגישער מתבודד, זיך פאַרקליבן אין אַ חדר, געערדעט מיט דוממים, מיט די שאָטנס אויף די ווענט, מיטן שפּינוועבס אויפן באַלקן. אָט אין דער איינזאַמקייט, וואו דאָס געוויסן איז נאַקעט, האָט ער געהאַלטן, איז מען נעענטער צו גאָט.

דאָס זיינען געווען ליידן, העכסטע ליידן פון גייסט, הייליקע צעבראָכנקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט דעם מענטשן ניט געפונען.

דער קאָצקער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבן. „טוב לי כי עוניתי, למען אלמד חוקיך". עס איז גוט דאָס פּייניקן זיך, אַבי לערנען, אַבי וויסן.

—„יוסף דעת — יוסף מכאוב", קרענקען זאָלסטו — וויסן זאָלסטו. אַזוי האָט ר' מענדעלע געטייטשט דעם פּסוק אין איוב.

„אין מיין יוגנט, — האָט ער זיך אַמאָל געקלאָגט, — האָב איך געמיינט, אַז עס וועט עפּעס ווערן פון מיר, אָבער איצט זע איך שוין, אַז גאָרנישט, איך בין געוואָרן אַ רבי..."

דער אמתער קינסטלער איז נאָר דער, וואָס ווערט ניט פאַרגליוועט אין זיין רואיקייט. „פון מיר וועט שוין גאָרנישט ווערן — איך בין געוואָרן אַ פּאָעט", האָט היינריך היינע געזאָגט...

פאַר זיין פּטירה האָט דער קאָצקער געהייסן אַלע זיינע כתב־ידן אַריינ־וואַרפן אין פייער. פאַר דער גרויסער רעטעניש, וואָס הייסט לעבן, שטייט דער מענטש אומבאַהאָלפן און זעט אויס קאָמיש מיט אַלע זיינע פאַרמעסטונגען.

צווישן די פאַרברענטע כתבים איז אויך געווען אַ קליין חבורל, וואָס האָט געהאַלטן בסך־הכל איין זייטל. דאָס איז דער „ספר האדם". דאָס עסענציאַנעלע פונעם גאַנצן מענטשן. דעם ספר האָט דער רבי שטאַרק באַדויערט... „ספר האדם"....

„ווער עס רירט אָן דאָס דאָזיקע בוך, רירט אָן אַ מענטשן" — האָט גע־זאָגט וואָלט וויטמאַן.

אַ שרייבער מוז זען זיין מער ווי אַ מחבר. ער מוז זיין אַ רעגנבויגן, ער מוז זיין אַ תהום.

„גיי, מענטש, זיי אַליין דאָס ספר, אַליין דער כתב..."

חסידות און די יידישע ליטעראַטור

1. ירושה און השפּעה

„די לערע וואָס האָט ניט קיין בית־אב, קיין היסטאָרישן יחוס, איז ניט קיין לערע" — אַזוי האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים. און אויף דער שפּראַך פון אונדזער צייט: יעדע קולטור וואָס האָט ניט קיין בית־אב, קיין היסטאָרישן אָנהאַלט, איז ניט קיין קולטור. און אויך אַ ליטעראַטור, אויב זי וויל זיין עפּעס מער ווי עסטעטישער גענוס, נאָר וויל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן און ווירקן פון פאָלק, מוז זי אָננעמען די הנחה, אַז היסטאָרישע פּאַסירונגען קאָנען ניט אַוועקגעשטעלט ווערן בלויז אין דער קאַטעגאָריע פון „געשיכטע". נאָר יענע פּאַסירונגען און שטימונגען זיינען אין אַ גרויסער מאָס אונדזערע. אַ ליטעראַטור, וואָס וויל זיין טריי איר קינסטלעריש־סאָציאַלער מיסיע, מוז זוכן איר היסטאָרישן יחוס, זי מוז פרעגן פונוואַנען זי שטאַמט. „זאָלסט וויסן פונוואַנען דו קומסט און וואוהין דו גייסט" — איז ניט בלויז אַן עטישער פּרינציפּ, נאָר אַ טיפע לעבנס־באַדערפעניש. מיר מוזן האָבן אַ טיפע באַדערפעניש זיך צו דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פון אונדזער זיין, צו זוכן אונדזערע מקורות.

„ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי מאָדערן! ניטאָ קיין מאָדערנע טעמעס!" — פלעגט פלאָבער ליב האָבן צו זאָגן. „האָמער איז פּונקט אַזוי היינט־וועלטיק ווי באַלזאַק!" דעם פּרינציפּ פון קולטור־ירושה האָבן אָנערקענט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן ווי לענין. מער ניט, זיי האָבן געלערנט אַריינצונעמען דעם פּרינציפּ ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון דער נייער קולטור.

„אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור זיינען פאַראַן צוויי נאַציאָנאַלע קולטורן" — האָט געלערנט לענין. — „עס זיינען פאַראַן דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וואָס זיי ירשנט דער פּראָלעטאַריאַט."

אַז מען דאַרף ניט מורא האָבן אומצוקוקן זיך אויף הינטער, האָט באַוויזן די סאָוועטישע קולטור. די בעסטע שעקספּיר־ספּעקטאַקלען, די אינהאַלטסרייכע אויסגאַבעס פון קלאַסיקער, וואָס מיר זעען אין אַזאַ שפע אין סאָוועטנלאַנד, ווייזן אויף אַ גרויסער ליבע צו דער קלאַסישער ירושה.

ווי אין אַלע ליטעראַטורן, זיינען אויך אין דער יידישער ליטעראַטור, די שעפערישסטע פּעריאָדן געווען די, וועלכע זיינען געווען אַ המשך פון פריער; די וועלכע האָבן ניט פאַרוואָרפן דעם געשיכטלעכן יחוס־בריוו; די וועלכע האָבן אָפּגעפרישט און ווידער לעבעדיק געמאַכט אַלטע פאַרגעסענע ירושות; די וועלכע האָבן אויפגעגראָבן טייערע אוצרות פון אַמאָל, זיינען געווען ניט נאָר יורשים, נאָר אויך שאַפער, איבערשאַפער, אַנטפּלעקער פון דעם אַלטן אין דעם נייעם.

ס׳איז אַנגענומען ביי אונדז צו רעכענען דעם אָנהויב פון דער יידישער וועלטלעכער ליטעראַטור פון דעם השכלה־פעריאָד. אָבער וואָס איז אונדז געבליבן פון די השכלה־שרייבער? אַ ירושה, וואָס לויט איר קינסטלערישן ווערט קאָן זי זיך בשום אופן ניט פאַרגלייכן מיט דער עקזאַלטירטער געשטאַלט פון בעל־שם אָדער מיט די רעאַליסטיש־סימבאָליסטישע סיפּורי־מעשיות פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

די מאָדערנע העברייאישע ליטעראַטור איז זיכער סטימולירט געוואָרן פון דער אַלטער קולטור, איז דאָך העברייאיש יענע שפּראַך, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די גרעסטע קולטור־שאַפונג פונעם יידישן פאָלק — דעם תנ״ך. ווען מיר וועגן דער נייער העברייאישער ליטעראַטור דאָ ניט רעדן. וואָס מיר ווילט זיך צוגעבן איז, אַז ווען אַפילו די העברייאישע ליטעראַטור דיסטאַנצירט זיך יאָ פון די אַלטע קוואַלן, מוז זי אָבער אָדאַנק די תנ״כישע רעמיניסצענצן, וואָס ווירקן אין דער שפּראַך גופא, בלייבן נאָענט צום אַלטן קוואַל.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז פון אָנהויב אָן געווען אַ ווילן פאַר פאָלקס־דערקענטעניש, און דער בולטער אויסדרוק פון דער פאָלקס־נשמה איז — טראַדיציע. מיט אַן אויער צו דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט אין משך פון דורות געטראַכט, געחלומט און גערעדט, דערקענט מען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון פאָלק.

אַזוי איז עס געווען איןביידע בולטע ליניעס, וואָס האָבן אָנגעצייכנט דעם גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דעם ליריש־ראָמאַנטישן און רעאַליסטישן. דעם ליריש־ראָמאַנטישן עלעמענט האָט די ליטעראַטור שטאַרק פאַרבונדן מיט דער העברייאישער טראַדיציע, מיט ווייטע אַמאָלן — די וואונ־דער־מעשה, די לעגענדע, דער יידיש־רעליגיעזער עקסטאַז; דעם רעאַליסטישן עלעמענט — מיט דער קדמונישער פרימיטיווקייט, מיט דער פאָלקסמעשה, דין און מנהג.

די יידישע ראָמאַנטיק האָט אויפגעכאַפּט און דערהויבן דעם טאָן און דעם נוסח פון דער רעליגיעזער פאָלקס־נשמה און פון דער וואונדער־מעשה בכלל. פּרצעס „חסידיש״ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, ש. אַנ־סקיס ראָמאַנטישער פאָלקלאָר זיינען געשעפּט געוואָרן פון יענע קוואַלן. עס איז אויך כדאי פעסט־צושטעלן: אויף דער ראָמאַנטיש־לירישער ליניע באַגעגנט זיך די ניי־יידישע ליטעראַטור מיט דער ניי־העברייאישער. אויך די ניי־העברייאישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע שפּירעוודיקייט פאַר די ראָמאַנטיש־לירישע מאָטיוון און טענער. דער עיקר פאַר דער חסידישער פאָלקס־מעשה. דער עלעמענט האָט אין זיך אויפגעהאַלטן אַ נשמה־שאַפונג, אַ געמיט־אַטמאָספער, וואָס איז אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק גופא.

אין דער דאָזיקער נשמה־לאַנדשאַפט האָט נאָך גאָט געזאָגט צום ליכט,

אַז ס׳איז טוב. אין דער דאָזיקער נשמה־לאַנדשאַפט האָבן געוואַנדלט דער אר״י הקדוש און די ל״ו צדיקים. אין דער דאָזיקער געמיט־לאַנדשאַפט האָט אויפ־געציטערט די בעל־שם געשטאַלט.

דער יידישער רעליגיעזער פאָלקלאָר האָט אויפגעהאַלטן ווי אַן אבן־טוב די תפילה, דעם לירישן מאָנאָלאָג פון דער יידישער נשמה מיטן באַשעפער פון אַלע וועלטן. אינטימע לירישע רעזאָנאַנסן פון תהילים — ביז צו די אויסטערלישע טענות פון דעם באַרדיטשעווער זצ״ל, ליריש־בונטאַריש און פרום.

די יידישע ליטעראַטור האָט ניט געקאָנט איגנאָרירן אַט דעם לעבעדיקן קוואַל. ווי אַפּיקורסיש זי זאָל נישט געווען זיין אין געוויסע צייטן, האָט זי פאָרט געמוזט זיך אַנשטויסן אין דעם דאָזיקן אוצר, וואָס איז אי אַ לעבעדיקייט פאַר זיך, אי אַ דערמאָנונג. דערמאָנענדיק זיך די תפילה, וואָס די מאַמע האָט געשעפּטשעט פאַר די בענטש־ליכט, גייט דער האַרבער מענדעלע מוכר ספרים אַרויס פון די כלים. דער ניכטערער משכיל און סאַטיריקער ווערט ליריש עקזאַלטירט. ער האָט אַנטדעקט, אַז אין דער ווייבערישער תפילה אויף עברי־טייטש איז פאַראַן אַ ים מיט ליבשאַפט ניט נאָר פאַרן אייגענעם הויזגעזינט, נאָר פאַר אַ גאַנץ פאָלק, פאַר אַ גאַנצער וועלט.

אין דער רעליגיעזער פאָלקס־מעשה האָט זיך אַנטפּלעקט סיי דער ייד, סיי דער מענטש. און אינעם זכות פון אַט דער דערקענטעניש איז פּרץ דער קינסטלער געוואָרן וואָס ער איז געוואָרן.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, שלום אַש (אין „תהילים־ייד״), האָבן אונדז געבראַכט צום חסידישן מקור ; ש. אַנ־סקי, דער נסתר, האָבן אונדז געפירט צום קוואַל פון קבלה־לעגענדע, בעש״טישן פּאַנטעאיזם, ר׳ משה לייב סאַסעווערס פאָלקישער רחמימדיקייט און דעם בראַצלאַווערס סימבאָליק ; ז. אנכי — צו חב״דישער מחשבה און שורשדיקער פאָלקס־עטיק. דער קלאַנגפולער איציק מאַנגער האָט אַקצעפּטירט די באַלאַדיסטישע פאָרם, ווייל זי איז די פאָלקסטימלעכסטע פאָרם, און אַזוי ווי דאָס פאָלק איז היינט־צו־טאָג ניט שעפעריש אין דער באַלאַדע, האָט ער, דער פּאָעט, זי איבער־גענומען.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז פּונקט ווי אולטראַ־מאָדערנע דיכטונג איז שווער זיך איינצובירגערן אין דורכשניטלעכן מח, פּונקט אַזוי איז עס מסתמא שווער פאַר פאָלקס־פאָרם ווען זי מאַניפעסטירט זיך אין דער אינדיווידועלער עקספּרעסיע דורכן דיכטערס פּריזמע. אַט די פאָרם וועט זיך אַזוי גרינג ניט אָננעמען, און נאָכמער : מ׳וועט זי צורעכענען ווי אַ דיכטערישע סטיליסטיש־קייט. אָבער ביי מאַנגערן איז עס ניט אַזוי. די באַלאַדיסטישע פאָרם איז דורכאויס, אין אַלע זיינע שאַפונגען, פון „שטערן אויפן דאַך״ ביז „וואָלקנס

אויפן דאַך", אַ צוריקקער צו זיין היים־סביבה און לאַנדשאַפט. ער האָט די לאַנדשאַפט אויף זיך אָנגעלייבט ווי אַן אייגענעם לבוש. ער האָט געגעבן חסידישן פאָלקס־גלויבן אין באַלאַדישן נוסח. „צווישן קאַסעווע און קיטעוו", דאָרטן וואו דער בעל־שם האָט געבלאַנדזשעט און געזאַלבט אין הייליקייט זאַנג און בלום, בוים און גראָז, האָט זיך פאַרן דיכטער אַנטפּלעקט דאָס לירישע געזאַנג, וואָס איז אויפגעגאַנגען ווי אַ פריידיק געשריי פון די בערג און היגלען.

אויב ס'איז אמת וואָס מאַנגער זאָגט, אַז זיין מאַמע האָט אין אים אַריינגעזונגען „יענעם רעליגיעזן ציטער", איז נאָכמער אמת, אַז די קאַרפּאַטן־לאַנדשאַפט האָט אין אים אַריינגעזונגען יענעם בעש"טישן פאָלקסטימלעכן ניגון.

2. מענדעלע מוכר ספרים און חסידות

„די השכלה־ליטעראַטור איז, דער עיקר, געווען פאַרמלאַז. די השכלה־שרייבער האָבן זיך ניט פאַרטראַכט עססעטיש, און דערום האָבן זיי ניט געזען קיין כחות, זיי האָבן געזען נאָר מנהגים, ניט דערשפּירט האָבן זיי קיין רעדעוודיקע נשמות, אויפגענומען האָבן זיי פאַרגליווערטן פאַרמאַכטן ריטואַל. אָט דערפאַר האָבן זיי פאַרזען די פאַרבאַהאַלטענע קונסט־ענערגיע פון דער חסידישער באַוועגונג.

„אויך די פאָלקס־לעגענדע, די יידישע פאָלקס־לעגענדע, די חסידישע פאָרם־שטייפע מעשה פון נחמן בראַצלאַווער איז לחלוטין ניט אָנגעקומען צום שאַפונגס־באַוואוסטזיין פון די משכילישע דערציילער . . . אַזוי מאָדנע איז זיי געווען די קונסט־פאָרם." (י. דאָברושין, „ביים שיין פון פאָרם", „געדאַנקענגאַנג".)

דער יאָרהונדערט פון דער השכלה איז „אָפּגעגאַנגען", האָבן די יידישע און העברייאישע שרייבער, אפשר מיט אומקלאָרע פאָרגעפילן, אָנגעהויבן אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע קונסט־אוצרות פון דער חסידישער פאָלקס־מעשה.

אַז די באַציאונג פון דער יידישער ליטעראַטור צום חסידיזם איז געווען אַ פאָזיטיווע, איז מודה אַ פאָרשער און היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס קומט פון ראַדיקאַלן לאַגער.

דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער א. וואָראָבייטשיק שרייבט אין דעם ווערק „מענדעלע און זיין צייט" (מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1940):

„טריי דער משכילישער טראַדיציע, איז מענדעלע אין דער ערשטער העלפט פון די 60ער יאָרן אַליין אַרויסגעטראָטן קעגן צדיקיזם. (ערשטער וואַריאַנט פון „דאָס קליינע מענטשעלע"; ערשטער וואַריאַנט פון „עלטערן און קינדער", אָנגעשריבן ניט שפּעטער פון 1864 יאָר, געדרוקט אין 1868).

„שפּעטער אָבער זאָגט ער זיך אָפּ פון דער טאַקטיק. אין מענדעלעס נאָטיץ־בוך געפינען מיר אַזאַ העברייאישן נאָטיץ, וואָס לויט דער לאָקאַליזאַציע קאָן מען עס דאַטירן מיט 1870־1871 (מיר ברענגען זי אין אַ יידישער איבערזעצונג):

„חסידות איז דער איבערגאַנג פון תלמודישן גייסט און טראַדיציע צום פרייען רעליגיעזן גייסט. זי אַליין איז נאָך פול מיט אומזיניקע היץ־חלומות (הזיות), נאָר דורך אירע פאַנטאַסטישע חלומות האָט זי דורכגעבראָכן די פעסטע ווענט און איז אַרויס פון די גרענעצן, וואָס די ראשונים האָבן איינגעשטעלט. אַדאַנק איר גלויבן אין בעל־מופת, אין נייע אויטאָריטעטן, האָט געמוזט אָפּגעשוואַכט ווערן די קראַפט פון אַלטע אויטאָריטעטן, און דערווייל איז געקומען צו אַ באַוועגונג. זאָל עס זיין אַ גלייכע צי אַ קרומע, איז פאָרט דאָ אַ האָפענונג, אַז די זאַמען, וואָס ווערן פאַלן אויפן געהעריקן אָרט, וועלן אויסוואַקסן און ברענגען פרוכטן. באַמערקט נאָר, אַז וואו דער חסידיזם איז שטאַרקער, מערן זיך אַלץ די מענטשן, וואָס נעמען זיך צו בילדונג. דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ צעמישונג און אויפרעגונג פון געדאַנקען און מיינונגען, זאָלט איר ניט פאַרלירן די האָפענונג צו טרעפן, פריער אָדער שפּעטער, גרויסע לייט און פאָרשערס. ס׳איז אַ פעסטער נאַטור־געזעץ, אַז לעבן ווערט געבוירן נאָך דער צעלייגונג (אויפלייזונג) פונעם זאַמען, און זיין אונטערגאַנג איז זיין אויפקום.״

מענדעלע האָט געזוכט אויסצונוצן די „פּראָגרעסיווע״ עלעמענטן אין דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע און בהדרגהדיק ברענגען די מאַסע צו אמתער אויפקלערונג. אין דער ערשטער העלפט פון די 60ער יאָרן האָט ער אַזאַ „פּראָגרעסיוון״ עלעמענט איינגעזען אין דער קאַנאָניזירטער מיטלאַלטערלעכער פילאָסאָפיע, אין סוף 60ער און אין די 70ער יאָרן — אין חסידיזם.״

3. פּרץ, בערדיטשעווסקי, שטיינבערג און אַש

מיט חסידות האָט זיך דער ערשטער אָפּגעגעבן פּרץ. י. ל. פּרץ איז זיכער געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אָנגעהויבן קינסטלעריש אויפלעבן דאָס יום־טובדיקע אין דעם רעאַלן חול; ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס געדיכטע עטישע פון יידישקייט און אָנגעהויבן אַריינוועבן דעם אַלטן יידישן אינהאַלט אין דער נייער קינסטלערישער פאָרם. אין זיין שטרעבן צונויפצוגיסן די ביידע שטראָמען פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישקייט און חסידישער פאָלקס־נשמהדיקייט, האָט ער דעם סאָציאַל־עטישן יסוד געפונען אין די „חסידיש אוצרות״ (מקובלים, די גאָלדענע קייט, דריי מתנות, אויב ניט נאָך העכער).

וואָס, אייגנטלעך, איז פּרץ מיט זיין „חסידיש״ אויסן געווען? האָט ער

אין חסידות געזען מער ניט ווי אַן אַמאָליקייט, אַ מין גראַטעסק, וואָס מוז מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן פאַרוועלטלעכטן יידן? אַ התלהבותדיקע ראָמאַנטיק, וואָס רייצט די פאַנטאַזיע פון דער וועלטלעכער, טראַדיציאָנעל־אָפּגעפרעמדטער יידישער וועלט?

איך גלויב, אַז פרצעס „נעאָ־חסידיזם" איז געווען מער ווי אַ באַגייסטע־רונג פאַר דער ליטעראַרישער פאָרם פונעם חסידיזם. פרץ האָט מער פון אַלץ געזוכט תוך אין זיין שאַפן און ער איז געווען זיכער, אַז אין „דאָס אַלטע חסידות" איז פאַראַן אַ דורכגעטראַכטע יידישע אידייע, אַ טיפער אינהאַלט, טיפער ווי די שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע האָבן זיך פאַרגעשטעלט. ער האָט, ווי זיין בן־דור, דער העברייאישער שריפטשטעלער מיכה יוסף בערדי־טשעווסקי, דערפילט ניט בלויז די פּאָעזיע פון חסידות, די שטימונג, נאָר ער האָט זיך געוואָלט דערגראָבן צו דעם קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמט אַריין דער וועג פון חסידות אין דעם נייעם עטיש־וועלטלעכן זוך.

פרץ האָט אויך געהאַלטן, אַז אַדאַנק חסידות איז יידיש געוואָרן אַ שפּראַך. אין אַ רעדע, וואָס פרץ האָט געהאַלטן אין פעברואַר 1912 אין ווילנע, האָט ער געזאָגט:

„צוויי עלעמענטן האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך: די יידישע פרוי און דאָס חסידות. פאַר דער יידישער פרוי איז קיינמאָל נישט געווען קיין זשאַרגאָן, פאַר איר איז די שפּראַך תמיד געווען — יידיש.

די יידישע פרוי איז געווען די היילקע היטערין פון איר איין־איינציקער שפּראַך. זי האָט אויסגעוויינט אויף דער שפּראַך איר נשמה אין די תחינות. זי האָט זיך אויף דער שפּראַך באַהעפט מיט דער גייסטיקער וועלט אין „צאינה וראינה", זי האָט אויף דער שפּראַך פאַרוויגט איר קינד און געזייט אין זיין נשמה די ערשטע זוימען פון ליבע און איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק.

דאָס חסידות, אַלס אמתע פאָלקס־באַוועגונג, האָט אַנדערש נישט געקאָנט ווי באַזירן אויף דער שפּראַך פון פאָלק.

אין חסידות איז דאָס העברייאישע געוואָרן אַן איינפאַכע איבערזעצונג פון יידיש. אַלע יידישע שפּראַך־פאָרמען זיינען דאָרט געווען. דער חסידיזם, וואָס איז געווען פאַרן פאָלק, האָט געמוזט אָנערקענען די יידישע שפּראַך, ווייל די יידישע מאַסע האָט שטענדיק גערעדט יידיש, האָט קיין העברייאיש נישט גע־קענט, ווייל זי האָט נישט געלערנט קיין תורה. זי פלעגט גיין אין קהל־שטיבל, אַ פאַריאָגטע, פאַרהאָרעוועטע. זי האָט קיין העכערע געדאַנקען נישט געהאַט. אָבער די פינצטערע, הונגעריקע, פאַראַרבעטע מאַסע הויבט אָן צו שפּירן אַ לעבנס־דורשט, אַ דורשט צו פרייערע געדאַנקען, פרייערע געפילן, און ווען זי וועקט זיך אויף, מוז זיך אויפוועקן די יידישע שפּראַך.

דער חסידיזם האָט זיך געהאַלטן אויפֿן פֿאָלק. און די שפּראַך, אויף וועלכער מען האָט גערעדט צום פֿאָלק אמתן, האָט געדאַרפֿט זיין פֿאַרשטענדלעך אַלעמען, ד. ה. יידיש.

מען דערציילט וועגן קאָצקער רבין, אַז איינמאָל, געברויכנדיק אין זיין רעדע די פֿראַזע: „וואָס איז אמת?" האָט ער זיך גלייך געכאַפּט און פֿאַרריכט: „וואָס איז וואָר?" ד. ה. ער האָט נישט געוואָלט באַנוצן אין זיינע דרשות קיין איין נישט־יידישן וואָרט, ווען אַפּילו דאָס דאָזיקע וואָרט איז העברייאיש..." (זע נ. מייזיל, „פּרצעס בריוו און רעדעס", אַרויסגעגעבן פֿון איקוף, 1944.)

אין מיכה יוסף בערדיטשעווסקיס ווערק, וואו עס ווירקן שטאַרק ניצשע־יאַנישע מאָטיוון און וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער גלאָריפֿיקאַציע פֿון אַמאָליקן געזונטן יידנטום (זע זיין „שינוי ערכין"), פֿאַרנעמט אויך אַ גרויס אָרט דאָס חסידות.

אַן אַנדער „ראשון" אויפֿן געביט פֿון חסידות איז דער העברייאיש־יידישער שריפֿטשטעלער יהודה שטיינבערג. ער אונטערשיידט זיך פֿון פּרצן און בער־דיטשעווסקין מיט דעם, וואָס אים האָט מיטגעריסן ניט די אידייע פֿון חסידיזם, נאָר דער חסיד אַליין, ס׳חסידישע לעבן. זיינע חסידישע העלדן זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע פֿאַרשוינען, וואָס רעדן חסידיש, וואָס דערציילן חסידישע מעשיות, נאָר מענטשן וואָס לעבן אין דער אַטמאָספֿערע און דער סביבה, וואָס דער חסידיזם האָט געשאַפֿן. אין שפּראַך, סטיל און כאַראַקטער־שילדערונג שטייען יהודה שטיינבערגס חסידישע מעשיות אויף גאָר אַ הויכער ניוואָ. אגב, איינער פֿון די, וועלכע האָבן געהאָלפֿן אַריינברענגען שטיינבערגס „חסידישע מעשיות" אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען דער דערציילער ב. עפּלבוים.

חסידות פֿאַרנעמט גאָר ניט קיין קליינעם אָרט אין אַשס בריים שאַפֿן. זיין „תהילים־ייד" איז אַ ווערק, וואָס הייבט זיך אָן אין דעם נאָענטן עבר פֿון פּוי־לישער חסידות און רירט אָן די וואָרצלען פֿון דער מחשבה און שטייגער פֿון חסידישן לעבן.

די חקירות און רעיונות, די מאָראַלישע סענטענצן, וואָס וויקלען זיך פֿאַנאַנדער אויף דער פֿאָן פֿון געשעענישן און פֿאַקטן, לייכטן מיטן ליכט פֿון חסידישער ראָמאַנטיק. עס איז אַ ווערק, וועמענס בלעטער טוליען זיך צו די טיפֿע וואָרצלען פֿון חסידישן שטייגער לעבן און זיינען באַהאָפֿטן מיט זיין עטישן דרך. אין דעם זין איז אַש ניט נאָר אַ המשך, נאָר אַ פֿאַרגאַנצונג פֿון פּרצעס „חסידיש".

4. דער בראַצלאַווער אין דער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור

ווי אַזוי האָט די יידישע ליטעראַטור באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער חסידישער וועלט? ווי אַזוי האָט זי אויסגענוצט דעם קינסטלערישן שטאָף פון די חסידים?

מער פון אַלע חסידישע צדיקים האָבן געלאָקט די יידישע שרייבער די פערזענלעכקייטן פון די צוויי: דער בראַצלאַווער און דער קאָצקער.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן ווי אַזוי ש. ניגער נעמט אויף די קינסטלערישע פערזענלעכקייט פונעם בראַצלאַווער.

אין זיין אינטערעסאַנטער אַרבעט „די יידישע ליטעראַטור ביים אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט" („סאָוועטיש", מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1939), שרייבט דער באַגאַבטער ליטעראַטור־פאָרשער און היסטאָרי־קער מ. ווינער וועגן דעם בראַצלאַווערס מעשיות:

„אין די סיפורי מעשיות" פון נחמן פון בראַצלאַוו האָט דאָס חסידישע „מעשה'נען" דערגרייכט די העכסטע אַנטוויקלונג. די דאָזיקע מעשיות נחמנס שטיצן זיך אויף דער דערציייל־טראַדיציע פון דער חסידישער לעגענדע, אָבער נאָך מער זיינען זיי אויך פאַרבונדן מיט דער עלטערער משלדיקער מוסר־מעשה, אין וועלכער דער פאַנטאַסטיש־דערציילערישער עלעמענט איז גאַנץ אָפט אַוועק אין אַ זייט פונעם נמשל און האָט זיך ביז צו אַ געוויסער מאָס געשפונען אַ זעלבשטענדיקן גאַנג.

„אייגנאַרטיק און ניי פאַר דער חסידישער מעשה איז אין נחמנס „סיפורי מעשיות" דאָס, וואָס דאָ ווערט ניט דערציילט וועגן די וואונדער־טאַטן פון באַ־שטימטע חסידישע הייליקע, נאָר סימבאָליסטיש־געמיינטע פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטישע מעשהלעך וועגן אַ בת־מלכה, וועגן אַ חכם און אַ תם א. אַז. וו. ביי זייער גאַנצער משלדיקייט און סימבאָלישקייט איז אין די מעשיות פאַראַן אַ שטאַרקער צומיש פון שטייגעריש־רעאַליסטישע עלעמענטן. צו די וויכ־טיקסטע פון זיי געהערן אויך די עלעמענטן פון שטייגערישן שפּראַך־סטיל.

„ס'ווערן דאָ דער עיקר סטיליזירט עלטערע טראַדיציאָנעלע מעשה־מאָטיוון, און פאָרט לאָזט זיך פילן אַ זעלבשטענדיקער דיכטערישער טאַלאַנט. דאָס ווייזט זיך אויך באַזונדערס אין די שילדערונגען פון שטייגער־שטריכן, למשל, אין דער דערציילונג וועגן דעם חכם און דעם תם, אין די אויסגעצייכנט און שאַרף־געבויטע דיאַלאָגן אין דער דאָזיקער דערציילונג.

„פסיכאָלאָגישע צייכענונגען, ווי נחמן האָט געגעבן פון אַזעלכע פיגורן ווי דער חכם און דער תם, האָבן זיך ערשט נאָך היפּשע צענדליקער יאָרן ווידער־אַמאָל באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור (למשל, אין די געשטאַלטן פון

בנימין און סענדערל — מענדעלעס). נחמנס איראָניע איז דין און פיין (זע די דיאַלאָגן פונעם תם). בכלל האָט זיך אַזאַ מעשה ווי וועגן דעם נעגירנדיקן דאָן קיכאָט, דעם סקעפּטישן „חכם" — און דעם ענטוזיאַסטיש־פאַנטאַסטישן, באַיאָענדיקן סאַנכאָ פּאַנטשאַ, דעם נאַאיוו־גלויבנדיקן תם, געשניטן אויף עפּעס גאָר באַדייטנדיקס. אין פלוג האָט זיך דאָ באַקומען אַן אָריגינעלע טראַקטירונג פון יענעם מין געשטאַלטן, וואָס סערוואַנטעס באַהאַנדלט אין זיין גרויסן בוך. דער געלערנטער חכם איז דאָ דוקא דער סקעפּטיקער, און גראַד זיין סקעפּסיס, זיין אַנטי־ראַמאַנטישקייט — באַווייזט זיך אַלס דאָנקיכאָטעריי. דער נאַאיוו עם־הארצישער תם נעמט די משונהדיקע געשעענישן דוקא אַזוי ווי זיי זיינען, גלויבט אין זיי, טראַץ זייער פאַנטאַסטיק — און געווינט. אָבער די פּאָלעמיק קעגן צופיל חקירה׳עווען איז אין תוך, ביי דער גאַנצער פיינקייט פון דער איראָניע, נישט אַזוי ווייט אַ פּאָלעמיק קעגן סקעפּסיס, קעגן ראַציאָנאַליזם, ווי — אַ פּאָלעמיק קעגן דער השכלה.

„נחמן האָט שטריכן פון אַ ראַפינירט און כיטרע באַאָבאַכטנדיקן פּסיכאָלאָג. ער ווייזט צומאָל אויסגעצייכנטע לעבנס־קענטעניש, טאָקע ביז צו אַ גאָר פיינעם דערזען און פיקסירן געוויסע שטייגערישע דעטאַלן. ער פאַרשטייט צו בויען זיינע מעשיות, ער ווייסט ווי אַזוי און וואו אַנצוהייבן, ווי אַזוי צו אַנטוויקלען, וואו אויסצולאָזן, און וואו נויטיק — פּלוצים איבערצוהאַקן אין דער מיט.

„ער פאַרשטייט צו געבן כיטרע אָנצוהערענישן און וואונקען וועגן עפּעס אַ געהיימניספולן נמשל און זיך צו מאַכן תמעוואַטע אַפילו דאָרט, וואו ס׳גייט אים אין אמתן קיין שום נמשל נישט אָן, דאָרט וואו ער וויל פשוט אויסשפּינען אַ פּאָעטישע פאַנטאַזיע..."

אַזוי אַנאַליזירט מ. ווינער די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דעם רבי און דיכטער, וועמענס פּערזענלעכקייט און ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן מער ווי אַנדערע געשפּייזט די העברייאישע און יידישע ליטעראַטורן.

פּרצעס „ר׳ נחמנס מעשהלעך" זיינען ביי אים געווען אַ וועג צו פאַראייביקן די פאָלקסטימלעכע שיינקייטן פון ר׳ נחמנס חסידות. אין די „מעשיות" רעדט דער טראָפּ פון די ווערטער, די סימעטריע פון די פּויזעס, דער אָטעם און אימפּעט פון די פראַגן. ער טוט תמיד אַ גלאַנץ מיט אַ פּקחיש וואָרט, מיטן סוף פון אַ מעשהלע, מיט אַ נשמה־פּערל, זיינע מענטשן האָבן הנאה ניט אַזוי פון לעבן גופא ווי פון „שכל פון לעבן", פון דער המצאה וועגן לעבן.

5. דער נסתר

דער נסתר איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם מאַניר פון „מעשה בתוך מעשה", דעם בראַצלאַווערס קינסטלערישן מעטאָד. אין זיין בוך „געזאַנג און געבעט" איז דער נסתר צו־

געשמידט געוואָרן צו דעם מעשה־בראשית סוזשעט, צום „קדמון״; צו דעם האָבן אים געפירט קבלה־ווירקונגען, וועלכע האָבן זיין וואָרט דערצויגן, אָבער דער עיקר איז דאָרט דאָ די בראַצלאַווישע מעשהדיקייט, וואָס באַשטייט פון סימבאָליק און פלאַסטיק.

מיט דער מעשה האָט זיך שוין אָפּגעגעבן פּרץ. פּרצעס מעשהלעך זיינען אָבער אין קינסטלעריש־פּלאַסטישן זין דער „פסלתן של לוחות״, יענער רייכער גאָלדענער אָפּפאַל, וועלכן ס׳קליבט אונטער דער שעפער נאָכדעם ווי ער האָט זיין פעסטן קונסט־מויער אויפגעבויט. פאַראַן גדאַנקען־איבערלעבונגען, וואָס קאָנען ניט דינען פאַר שטאָף, פאַר ציגל, צוליב דער גריסער געביידע, וואָס פאָדערן פון קינסטלער ער זאָל זיי אויסטיילן באַזונדער, אַריינזעצן זיי אין אַ באַזונדערער ראָם. ביים נסתר זיינען אָבער די מעשיות ניט געווען דער אָפּגלאַנץ פון זיין דענקען, נאָר דער תמצית פון זיינע אויסגעחלומטע אמתן, פאַרקערפּערטע אין געשטאַלטן.

דער נסתר האָט גענומען זיינע פערסאַנאַזשן פון דער פאָלקס־מעשה. אין דער חסידישער מעשה, דער עיקר פון בראַצלאַווער, האָט דער נסתר געזוכט קוואַלן פאַר דער אָריגינעל־יידישער פאָרם אין דער קונסט. דער מעשה־זשאַנר איז דערפאַר דער הויפּט־זשאַנר אין זיין שאַפן.

„דער נסתר האָט צוערשט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַ מייסטערישער פאָרם דעם וועלטלעכן עפּאָס. זיינע מעשהלעך אין פערזן זיינען אַזוי נישט ענלעך אויף דער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער פאָלקס־משה, וואָס קומט פון די מוסר־ספרים, וואָס איז אַ פּראָדוקט פונם קאָנווענציאָנעלן לעבן, און איז איבערגעפּלאָכטן מיט גאָטס־פאַרכטיקייט, מיט נסים און נפלאות, מיט צדיקים און רשעים, מיט גן־עדן און גיהנום, מיט יצר־טוב און יצר־הרע, און מיט די אַלע יידישלעכע העלדן, וואָס די פרומע יידישע וועלט האָט גע־וואָרעמט און אויסגעוואָרעמט אין איר אָפּגעבאַזונדערט־מיטלאַלטערלעך יידיש לעבן. דער נסתר האָט געבראַכט די וועלטלעכע פאָלקס־מעשה, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט די קאַנאָניזירטע מעשה־מאָטיוון פון גוט־באַקאַנטן רעליגיעזן כאַראַקטער.״ (נחמן מייזיל, „דער נסתר״, אַריינפיר צו „משפחה מאַשבער״, ניו־יאָרק, 1943).

אין זיין גרויסן ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער״, וואו די שטאָט באַרדיטשעוו, אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווערט ביי אים מייסטעריש געשילדערט, באַקענען מיר זיך אויך מיט דער מערקווירדיקער סעקטע פון בראַצלאַווער חסידות.

דאָס בראַסלאַווער חסידות איז פאַרבליבן, נאָך דער ירידה פון חסידות, דער עלעמענט, וואָס האָט איינגעהיט די אָנפאַנגלעכע ריינקייט פון חסידות אין זיין ערשטן בעש״טישן פעריאָד. די בראַצלאַווער זיינען געווען איינגעוואָרצלט

אין פאַלק, האָבן געהאַט דעם שליסל צום האַרצן פון פאָלקס־מענטש און גע־האַט אַ ווירקונג אויף דער אָרעמער פאָלקס־מאַסע. אין דער באַרדיטשעווו, וואָס איז שוין אין די זיבעציקער יאָרן צעטיילט געווען אין קלאַסן, האָט זיך דער פשוטער פאָלקס־מענטש, האָרעפּאַשניק, ווען ס׳האַרץ איז געווען שווער, זיך געצויגן צו די „בראַצלאַווער״. דער נסתר שילדערט אַזוי מייסטעריש די „פּיר־אַרשיניקע אברהמל שניידערס״, „שלום טרעגערס״ און זייער גלייכן (אין קאַ־פּיטל „לוזי ביי די זייניקע״), ווי „בונטאַרישע ערשטלינגען, וואָס האָבן געטראָגן פייער אין די פאָלעס פאַר יענער פאַרדומפּענער סביבה״. אין די בראַצלאַווער האָבן זיך שוין געשלאָגן דער סאָציאַלער באַגינען מיט דעם מיטלאַלטערלעכן בין־השמשות. אַהין, אין יענער סביבה, איז געקומען איינער פון די ברידער מאַשבער, דער חסיד לוזי, אַ ברודער פונעם באַרדיטשעווער רייכן סוחר משה מאַשבער. דער איבערגאַנג פון לוזי מאַשבער פון „ערשטן רינג״ צום „דריטן״, צו די בראַצלאַווער, שפּילט טאָקע אין נסתרס ראָמאַן די ראָלע פון אַ מין גרונט־אַקס, אַרום וועלכער ס׳דרייט זיך די גאַנצע האַנדלונג אין בוך. אין אַלע חסידישע הויפן האָט ער אָנגעשפּאַרט, דער מיוחסדיקער לוזי מאַשבער, און אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן פּוסטקייט, נישטיקייט, שפלות און גרויע וואָכע־דיקייט, און נאָך וואָגלענישן און זוכענישן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיאש געווען אין די „הויפן״ פון די לעבעדיקע צדיקים, איז ער אַריינגעפאַלן אין קרייז פון די בראַצלאַווער, וואו ס׳האָט אויסשליסלעך געהערשט דער גייסט פון אַ טויטן צדיק, און דאָ האָט ער זיך דערפילט באַפליגלט. די נאַטירלעכע פשטות, רירנדיקע אייניקייט האָט אים פאַרכישופט. דאָס חסידות אָן אַ לעבעדיקן צדיק, אָן אויסערלעכער צערעמאָניאַלישקייט און גלאַנץ און פּראַכט פון גוט־יידישע הויפן, האָט געפירט צו אינערלעכער פאַרטיפטקייט, צו זעלבסט־לייטערונג און פאַרפולקאָמונג.

דער נסתר וויזט לוזין אין זיין דערהויבנקייט. באַזונדערס צייכנט זיך אויס דאָס קאַפּיטל „צוויי אויסערן יאַריד״, אין וועלכן ס׳ווערט געגעבן אַן אויסטערליש פּרעכטיק בילד ווי אַזוי לוזי זיצט אין די טומלדיקע טעג פון גרויסן „פּרעטשיסטער יאַריד״ איינער אַליין אין דער בראַצלאַווער שול. די אַרומיקע לופט איז פול מיטן יאַריד און מאַרק־טאַראַראַם. אַלע זיינען אַריינ־געצויגן אין געווירבל פון יאַריד־האַנדל, און ערגעץ אין אַ קלויז, וואָס זעט אויס ווי אַן אינדזל אין ים פון מסחר, זיצט לוזי איינער אַליין און קוקט אַריין אין זוהר און פאַר זיינע אויגן גייען פאַרביי וויזיעס, בילדער, וועלכע זעען אויס ווי פאַרגליווערטע דענקמעלער פאַר די שרעקלעכסטע ליידן און פּיינען פון יידן. אין דער דאָזיקער איבערשטער אויסגעטרוימטער וויזיע־וועלט, האָט זיך לוזי פאַרבאַריקאַדירט און אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער ווירקלעכקייט פון שקר און תאוות אויפן מאַרק און יאַריד פון סאָציאַלע עולות און אומ־

גערעכטיקייטן. מיט זיינע איידעלע חושים האָט לוזי ניט געקאָנט פילן און באַנעמען דעם אומרעכט, און ווען אַפילו זיין אייגענער ברודער, דער יורד משה מאַשבער, קומט צו אים ערב באַנקראָט נאָך אַן עצה און הילף, וואַרפט ער אים אין פּנים שאַרפע ווערטער וועגן דעם „הויכן גליטשיקן שטאַנד", אַ חסידישער וואַריאַנט וועגן דינען צום עגל הזהב...

דער בראַצלאַווער און דער בראַצלאַווער מאָטיוו זיינען געגנוג אויסגענוצט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור. מ. ספּעקטאָר אין זיין אויטאָביאָגראַפיע „מיין לעבן", האָט דער מערקווירדיקער סעקטע געווידמעט עטלעכע קאַפּיטלען. יונה ספּיוואַק האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע וועגן בראַצלאַווער מיט אַן אינטערעסאַנטן אַריינפיר פון ש. ניגער, וואו עס ווערן אַרויסגעבראַכט די גרונטטענדענצן פון בראַצלאַווערישער קינסטלערישקייט. מאָנאָגראַפיעס וועגן בראַצלאַווער האָבן געשריבן ש. צ. זעצער אין זיין ניט-וויסנשאַפטלעכער אויסגאַבע פון ר' נחמנס מעשיות און הלל צייטלין אין זיינע ערשטע „שריפטן" און אין זיין ביכל „חסידות".

דער בראַצלאַווער מאָטיוו דאָמינירט שטאַרק אין די ווערק פון דוד איגנאַטאָוו אין זיינע ראָמאַנען און זיין מעשה-ווערק „דאָס פאַרבאָרגענע ליכט", אין א. א. קאַבאַקס עפּאָפּייע „בחלל הריק", און אַנדערע.

צו די אויבנדערמאָנטע נעמען וואָלט מען געקאָנט צורעכענען אַ גאַנצן צעטל אַרבעטן וועגן בראַצלאַווער פון די פּאָעטן י. י. סיגאַל, אהרן צייטלין א. אַ.

יעקב גלאַטשטיין האָט אין זיין נייַ בוך „געדענקלידער" אַ ציקל: „דער בראַצלאַווער צו זיין סופר", וואו ער לאָזט דורך זיין אייגענעם פּאָעטישן געמיט די רעיונות פון בראַצלאַווער. וועגן דער בראַצלאַווער סעקטע, אָדער ווי מען רופט זיי — „די טויטע חסידים", האָט אויך געשריבן י. אָפּאַטאָשו אין זיין באַנד דערציילונגען „ווען פּוילן איז געפאַלן".

6. דער קאַצקער אין דער יידישער ליטעראַטור

דער קאַצקער אין דער יידישער ליטעראַטור איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אויף דעם געביט פון קינסטלערישן פיקסירן די פּערזענלעכקייט פון דעם רבי-רעוואָלוציאָנער איז פּרץ געוועזן דער פּיאָנער. דער קאַצקער איז דער פּראָטאָטיפּ פון פּרצעס הערלעך געשטאַלט פון ר' שלמהן אין דער „גאָלדענער קייט". פּרץ האָט געגעבן אין ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט" די קווינט-עסענץ, דעם תמצית פון קאַצקער וועלט-באַנעם אין זיין געפּרעסטער, וואונדערבאַרער פאָרם. פּרץ האָט אים נישט אָנגערופן ביים נאָמען, ער האָט אים נאָר אויסגענוצט אַלס מאָטיוו, אָבער דאָך האָט ער געגעבן דאָס עסענציאַנעלע פון קאַצק: דער פּראָטעסט קעגן דער וועלט ווי זי איז, דער פּראָטעסט

קעגן דער וואָך און דעם וואָכעדיקן מענטשן. די שטעלונג פון ר׳ שלמהן איז פון אַ ווירדיקן און אַ פעסט־אַנטשלאָסענעם מענטש. נישט געקוקט דערויף, וואָס די האַנדלונג קומט פאָר אין דעמערונג, בעת ס׳שאָרן זיך די שאָטנס פון מוצאי־שבת, זיינען דאָך אַלע ווינקלען דאָ פול מיט ליכט פון אַ געהיים־אויפגייענדיקער זון.

ר׳ שלמה קאָן זיך נישט איינלעבן אין דעם מילבן־שטייגער, וויל צווינגען כביכול אַליין דאָס לעבן מתקן צו זיין. אָבער דער בורא עקשנט זיך. הייבט זיך ר׳ שלמה אָן ברוגזן. ער האַלט איין דאָס ראָד פון לעבן, וויל נישט מאַכן קיין הבדלה, דערשטיקט דעם געשריי פון דער וואָך און לאָזט וויטער אַלץ דרימלען אין דער זאַרגלאָזער שבת־שטילקייט: „איך מאַך קיין הבדלה נישט!“

באַלד אָבער וואַקסט אויס די גרויסע מחיצה צווישן פירער און געפירטע. דער עולם פאַלט אויפן פנים פול מיט וואָכעדיקע דאגות. און דאָ האָט דער רבי קיין רחמנות נישט... „אומזיסט אַלע רייד; אַלע געבעטן אומזיסט.“ דאָ רוקט זיך שוין אַרויס דער ערשטער „קאָצקער שטריך“ — ר׳ שלמה איז נישט קיין רבי פון עולם. וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דער מחנה חסידים, אַז בסך־הכל פאַרשטייט זי אים נישט אינגאַנצן? וואָס ווילן פון אים די אויס־געמאַגערטע, איינגעשרומפענע שאָטנס? מיט אַלע רמ״ח איברים זיינען זיי דאָך צוגעבונדן צו דער ערד, וויטער ווי פון דער אייגענער נאָז דערגייט דאָך נישט זייער בליק. ווי קאָן ער זיין אַ נר־תמיד פאַר געפרוירענע נשמהלעך? ער איז אין דער פאַטענץ אַ משיח, און זיי — זיי זעען אין אים נאָר אַ בעל־מופת... זיי זינקען אין גריבער פון דלות און נויט, קומען זיי צום בעל־מופת, ער זאָל פאַר זיי אויסוואונדערן עפּעס אַ גוטע פרנסה „פאַר זיך, פאַר אייגן ווייב און קינד“. זאָל „ער“ נאָר ווען! אָבער ער איז פון זיי הימל־ווייט. וואָס פאַר אַ באַדייט קאָנען האָבן די יללות פון די אַלע פאַרחושכטע מיט זייער איינ־געהויקערטער אונטערטעניקייט, בעת דער גאַנצער ווערט פון אַזאַ לעבן דאַרף ווערן פונדאַמענטאַל אַפּגעפרעגט?

דער וועג צו דער אויסלייזונג איז אַ טורעמדיקער. מ׳דאַרף האָבן כח צו קלעטערן, דערשטיקן אין זיך די צעשפּאַרטע געפילן. ממיתן דעם רצון און גרייט זיין אויף קרבנות. אין אַזאַ וועלט פון ווערעמדיקייט איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן, זי האָט קיין זכות־הקיום נישט. „חרוב זאָל ווערן די וועלט!“

נישט יעדער איז מסוגל צו שפּאַנען איבער חורבות און נישט יעדער איז בכח אויסצוגליען אין זיך אַ שטאָלענעם באַגער. מ׳דאַרף באַווייזן צו דער־דריקן אין זיך די ליבע צום נאָענטן, צו בני־בית און קרובים און אַנצינדן אין זיך אַ ליבע צום געאָנטן. נאָר די „שבת־יום־טובדיקע, נשמה־יתרהדיקע יידן“ וועלן קאָנען גיין אויף די חורבות...

פּרצעס ר׳ שלמה זוכט דעם גאַנצן מענטש. קיין מיטל־וועגן זיינען נישט

דערלאָזבאַר. אויב דער מענטש גאַרט באמת נאָך דערלייזונג, מוז ער זיך דער־הויבן צו דער פולקייט. געגוג שוין מיט דעם צעשאָסענעם וועלטל פון די מענטשן „פון יוצא וועגן". טוט שוין אַזאַ איינער עפּעס, קומט דערפון אַרויס אַ מצוהלע אָדער אַן עברהלע. ס'מוז אָבער קומען אַ דור פון גאַנצע מענטשן, וואָס וועלן זיין ראוי די וועלט צו דערלייזן, וואָרים ווייטער וואַרטן איז אומ־מעגלעך.

„עס הענגט אינדערהויך דאָרט אַ וואָג,
פאַרן כסא־הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך, די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מצוהלע טוט אַ ייד
און — אַן עבירהלע...
שטעלן קאָן זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי...
צאַפּלט זי..."

געטריבן פון אינעווייניקסטן פייער, געשפּאַנט איבער חורבות. באַ־שטראַלטע יחידים פול מיט יום־טוב־גלאַנץ, מיט שטאָלץ און ווירדע, מיט טאַנץ און געזאַנג, ציען זיי צום „הויכן באַרג". נישט קניען און נישט בעטן, נאָר פאָדערן און פאַרלאַנגען.

דעם קליין־וואוקסיקן און אָנגעברוגזטן קאָצקער מיט זיינע עקסטראַ־וואַגאַנטישע געגנג האָט פּרץ — אין זיין ר' שלמה — דערפירט צו פאַטריאַר־כאַלער פּראַכט און אַרומגעוועבט מיט שימער. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אים די „גיפטן" און אים פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיק געשטאַלט. אַרויסבאַקומען פון אים דעם מאַקסימום מענטשן־פריינטלעכקייט, פאַרטריבן די שאָטנס און באַוויזן זיין אינערלעכע מעגלעכקייט פון צונויפלעבן, צונויפפרייען און צונויפ־טאַנצן מיט מענטשן.

„זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!"

צום סוף אָבער קומט דער קראַך. מיט בלויזער שבתדיקייט איז אומ־מעגלעך צוציען דעם ברייטן עולם; ר' שלמהלע האָט געוואָלט דעם עולם צום הימל דערהויבן, אָבער די ערד איז, אַפּנים, שטאַרקער... די שבת־מחיצה ווערט איבערגעריסן און ס'רייסט זיך אַריין דער גרויער קוויטש פון דער וואָך; מ'האָט שוין אויסגעפּונען אַן אַנדערן הבדלה־מאַכער. דער עולם האָט מורד במלכות

געווען. אַ צעבראָכענער טרעט ר׳ שלמה אַפּ זיין פּאָטער־שטול און בלייבט פּאַראייַנזאַמט... אַט טאַקע ווי דער אויטענטישער קאָצקער, וואָס האָט זיך אויך, אַ פּאַריאושטער, צוריקגעצויגן...

דאָס וועזנטלעכע פון דעם קאָצקערס געשטאַלט האָט ביי פּרצן געפונען אַ טיף־קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג, די שפּעטערדיקע האָבן שוין דעריבער געהאַט פאַר זיך אַ פיין־סקיצירטע פיגור, כאָטש פּרצעס ר׳ שלמה וואַקסט נישט אָר־גאַניש אַרויס פון דער סביבה, ער איז נישט רעאַליסטיש באַדינגט, נאָר איז געגעבן מער אָפּגעריסן, סימבאָליש. ס׳שלענגלען זיך געטאָקטע, קורצאָטעמ־דיקע פּערזן, שוועבנדיקע נאַקעטע ווערטער וועגן אַ גרויסן ר׳ שלמה פון ערגעצוואו, וואָס זינגט וועגן אַ וועלט אין ערגעצוואו.

מיט גאָר אַ באַזונדערן און אָריגינעלן צוגאַנג צו דער געשטאַלט פון קאָצקער צייכנט זיך אויס יוסף אָפּאַטאָשו. אין זיינע „פוילישע וועלדער“ וואַקסט דער קאָצקער אויס צו אַ צענטראַלער פיגור פונעם ווערק.

אָפּאַטאָשו האָט גענומען דעם רביז, ווען ער איז שוין געווען צעבראָכן, נאָך דער מוראדיקער אַנטוישונג פון דער וועלט, ווען ער איז אַרויס נאָך דרייצן יאָר זיצן פאַרשלאָסן אַ מידער, אַן איינזאַמער, אין דער לעצטע פּאַזע פון זיין לעבן.

דער רבי איז געזעסן אין זיין צימער, אָפּגעצוימט פון אַרום. ס׳אַלטע צע־קנייטשטע פּנים זיינס ווערט זעלטן ווען צעשטראַלט פון אַ שמייכל. דאָס איז התבודדות פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ וועלט פאַרלוירן און זיצט אויף די חורבות פון זיין אמונה, פאַרוויגט אין אַ הארבער מרה־שחורה. ער איז אַ טיפער סקעפּטיקער, אַ דענקער, וואָס דערגייט אין זיין טראַכטן צו אַבסאָלוטער פאַרצווייפלונג. ער איז געוואָרן שעדלעך פאַר דער סביבה, האָט מען אים פאַרשפּאַרט; די מקורבים האָבן מורא געהאַט, ווייל ער האָט זיך געביטן, געוואָרן אַן „אַנדערער“ ווי ביז אַהער, אַן „אחר“...

„אַז זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט! אַלע, אַלע אַרבעטן מעשים, האָבן נאָך אַלץ מורא, אַז מיין תורה זאָל נישט אַראָפּפירן די קאָצקער פון דרך הישר! אָקסן! זיי האָבן איינגערעדט אַ וועלט, אַז דער מענטש האָט אַ בחירה און אויב ער האָט זי אָפּילו יאָ געהאַט, האָט ער זי שוין לאַנג איבערגעגעבן אונדז אין די הענט אַריין! און דאָס אַלץ האָבן מיר, רביים, וואָס האָבן געוואָלט אויס־לייזן די וועלט פון די ווילנער גאונים, מיר האָבן די בחירה צוגענומען און צומאָל קיין כוח ניט געהאַט אָוועקצושטעלן אונדזערע חסידים ביי די טירן און בויערן זייערע אויערן, און אַז מ׳וואָלט זיי געבויערט, וואָלטן זיי עס אויך צוגענומען באהבה, צו אַזאַ נידעריקער מדרגה איז דער מענטש געזונקען.“

אָפּאַטאָשו באַקומט דאָ אַרויס ריין־דאָסטאָיעווסקישע טענער. דעם קאָצ־

קערס אַרט באַנעמען איז אַ שטעכיקער. ס׳איז מיט אים שווער פרידלעך צו הויזן, אַקוראַט ווי ס׳איז פאַרן דורכשניט בכלל שווער צו הויזן מיט אַ גרויסן גייסט. ער איז אָפט אכזריותדיק, אָבער ס׳איז די גרויזאַמקייט פון גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קאָנען נישט סובל זיין די בלינדע אונטערטעניקייט פונעם המון. זיין אכזריותדיקייט נעמט זיך פון גרויסער פאָדערונג. אמת, די „פשיסכער״ און די „קאָצקער״ האָבן רעוואָלטירט קעגן די מתנגדים, וועלכע האַלטן זיך אייזן־פעסט ביים אות פון געזעץ, זיי האָבן אָבער דעם געזעץ אָקעגנ־געשטעלט דעם אידעאַל פונעם מענטשנס פרייהייט, זיין בחירה. פרייהייט איז אָבער נישט קיין שפּילכל. ס׳איז גאָר אַ הויכער ענין, וואָס איז פאַרבונדן מיט יסורים.

דעם קאָצקערס צום טייל געצוואונגענע, צום טייל פּרייוויליקע איינזאַמקייט רעגט אים אָן צו גריבלעכע באַטראַכטונגען. אין דעם אַרומיקן ים פון פּסולת, צו די סאַמע וואָרצלען פון זאַכן. אַן אומאויפהערלעכער דענקונגס־פּראָצעס וועגן „מה למעלה, מה למטה״.

ס׳איז אַ וועלט מיט מענטשן, גרויסע און קליינע, רויע און איידעלע, און אַלע פלעכטן זיך צונויף אין איין ראָד פון האַנדלונגען. די קייט פון די האַנד־לונגען באַוועגט זיך מיט אַ ווירבלדיקן אימפּעט, גוטס און שלעכטס ווערן צונויפגעפלאָכטן, אַז ס׳איז זיי שווער צו אונטערשיידן. ווער וועט דאָס זיין דער, וואָס וועט אַמאָל פאַנאַנדערבינדן דעם דאָזיקן קנופּ און איטלעכן אָפּשאַצן לויט ס׳זייניקע? ווער וועט געבן דעם גוטן זיין באַלוין און דעם שלעכטן זיין שטראָף? ווער וועט צוטיילן דעם צדיק זיין שכר און דעם רשע זיין עונש? איז דער גאַנצער ענין נישט אַמאָל אַן איינגעבילדעטע פאַרשטעלונג? וואָס וועלן שוין דאָ העלפן אַפילו דעם רמב״מס הקירות, אַז סוף־כל־סוף מוז דער מענטש אַ פאַרשפאַרטער אָפּפינצטערן זיינע יאָרן און וואַרטן אויף דעם טויט, וואָס וועט ווידער אַלץ איינהילן אין אַ סוד? מוחל דעם שכר, זאָל כאָטש דער עונש זיין אַ זיכערער. „ווען מ׳וואָלט כאָטש זיכער געווען, אַז מ׳וועט דאַרטן שמייסן, ווען מ׳וואָלט כאָטש זיכער געווען...״

דאָ ווערט אַרויסגעריסן ר׳ שלמה פון יעדער רעאַלער באַדינגטקייט און ווערט געצייכנט ווי אַ דיכטערישע פיגור, וואָס פאַרקערפּערט אַ גרויסע אידייע. דאָ וואַקסט דער קאָצקער אַרויס פון זיין סביבה. אויף טריט און שריט אָטעמט אַרום אים מיט לעבן, מיט אומגעבונג, מיט אַטמאָספער. נישט געקוקט דערויף, שטאַרט ער דאָך אַרויס אַלס איינזאַמער מענטש, וואָס ראַנגלט זיך טראַגיש מיטן אַרום און מיטן גורל; אַ מענטש, וואָס שטורעמט אָפּ אַ צייט און שטעלט נאָכ־דעם אַוועק די שאלה וועגן דעם זין און צוועקמעסיקייט פון שטורמען, פונעם לעבן בכלל.

7. שמואל יוסף עגנון

אין פּרט פון פאַרוואָרצלטקייט אין יידישער טראַדיציע און סטיל־געשליפנ־קייט האָט די העברייאישע פּראָזע דערגרייכט איינע פון די העכסטע מדרגות אין שמואל יוסף עגנונס ווערק.

אין טעמע איז עגנון אין אַ געוויסן זין אַ יורש פון מענדעלען. אין נוסח און סטיל וואָרצלעט ער אין מדרש. זיין קאָמבינאַציע און אַסאָציאַציע פון מדרש־לשון באַווייזט ווי טראַדיציאָנעל פאַרוואָרצלט ער איז.

פאַרן עכטן קינסטלער איז דאָס וואָרט דער אַלץ־דורכדרינגענדיקער אָטעם, וואָס דורך אים לעבט דער מענטש אַרויס זיין גאַנצע פּילפאַרביקע אינערלעכע וועלט. פון דעם נעמט זיך עגנונס ליבע צום וואָרט.

עגנונס סטיל איז דער סטיל פון גמרא. גאָרניט צוגעגעבן, גאָרניט צו־גענומען. אָבער די פאָרם, די פאַרטיפונג!

עגנון האָט זיין דערציילערישע שלימות פאַרבונדן מיט חסידישער פאָלקס־תמימות. זיין ווערק „הכנסת כלה" איז די אָדיסייע" פון חסידיזם.

די דערהויבענע געשטאַלט פון ר׳ יודלען, דעם הויפּט־העלד פון די צוויי בענד „הכנסת כלה", איז באַגאָסן מיטן ליכט פון פאָלקס־צדיקים. זיין בטחון, זיין גלויבן און די שיינע מידות פון דעם טיף פירן אונדז אַריין אין דער וועלט פון אַלטן אָריגינעלן חסידיזם, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון צדיקיזם.

ר׳ יודל — דער חסיד — פרעגט:

„פאַרוואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן מיט צוויי אויגן? האָט ער דאָך געקאָנט זיין מיט איין אויג. עס זיינען דאָך אויף דער וועלט פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן בלויז איין אויג און זעען מיט דעם וואָס זיי דאַרפן. מיר האָבן דאָך אַ כלל, אַז עס איז אויף דער וועלט ניטאָ קיין זאַך סתם אַזוי. איז צו וואָס דאַרף מען טאַקע צוויי אויגן?"

ענטפערט ר׳ יודל:

„דערפאַר איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן מיט צוויי אויגן, כדי ער זאָל מיט איין אויג זען די גרויסקייט פון קודשא בריך הוא און מיטן צווייטן אויג זען זיינע אייגענע שפלות."

די דאָזיקע שפלות און הכנעה דערמאָנט אין דער גרויסער רחמימדיקער ליבע פון ר׳ משה לייב סאַסעווער, וועלכער פלעגט מיטפילן אין דעם ווייטיק פון יעדן מענטשן אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענער צער, און ער פלעגט מיט זיין אייגן געלט שפּייזן יתומים און זיי וואַשן די קעפּ און זיי אויסהיילן פון קרעץ. ער פלעגט זאָגן, אַז דער וואָס קאָן מיט זיין מויל ניט

אויסזויגן ביי יידישע קינדער יאַטערדיקע וואונדן, דער האָט אַפילו נישט דער־גרייכט צו אַ העלפט פון דער מדרגה פון אהבת ישראל.

הונדערטער אַזעלכע שייַנענדיקע דימענטן זייַנען צעשאָטן איבער עגנונס ווערק. ביי אים איז חסידות ניט קיין טעמע, נאָר אַן איַנערלעכער מאָטיוו.

מען דאַרף אויך דערמאָנען ז. שניאורס „דער קיסר און דער רבי", וואו עס ווערט פאַרביק געשילדערט דאָס לעבן פון ר' שניאור זלמן לאַדיער.

בער האָראָוויץ האָט געשריבן חסידישע מעשיות אין עברי־טייטש, לויטן נוסח פון „קהל חסידים".

אין י. י. זינגערס ראָמאַן „יאָשע קאַלב" איז דאָ אַ סך חסידישער לעבנס־שטייגער.

פישל שניאורסאָן, אַליין אַ צוויַיג פון חב"דישן בוים, האָט אין זיין נאָוועלע פון חב"דישן לעבן, „חיים גראָוויצער", געגעבן אין אַ ליריש־פּראָזאאישער פאָרם דעם ריטם פון דער חב"דסקער וועלט.

ב. עפּעלבוים האָט מייסטעריש איבערגעזעצט און פאַרייִדישט יהודה שטיינ־בערגס חסידישע מעשיות און האָט אַליין געשריבן דערציילונגען וועגן לעבן פון צדיקים.

ה. סעקלער האָט אַרויסגעבראַכט חסידישע טיפּן און חסידישע מאָטיוון אין זייַנע דערציילונגען „דער חוזה זעט זיין כלה" און „דעם צדיקס נסיעה".

אשר באַראַש, אין זיין העברייאישן ראָמאַן „אהבה זכה" (לויטערע ליבע), האָט געגעבן אַ פאַרביקע גאַלערייע גאַליציאַנער חסידים, וואָס זייַנען פאַר־אייניקט אַרום זייער צדיק.

די לעצטע יאָרן האָבן זיך אויך באַוויזן חסידישע דראַמעס: יונה ספּיוואַקס דראַמע „ר' נחמן בראַצלאַווער", יעקב באָטאָשאַנסקיס, א. דאַווידזאָנס און מ. ב. שטיינס דראַמעס וועגן „ליַעווער רבין". מ. ב. שטיין האָט אויך אָנגעשריבן אַ קערנדיקע דראַמע וועגן קאָצקער, „ערד און הימל".

יצחק אבן, יהושע ראַקער, ד. ל. מעקלער, משה שיפּרים און מנשה אונגער האָבן, אַזוי ווי ש. א. האָראָדעצקי אין העברייאיש, אויף אַ האַלב־פּובליציסטישן און האַלב־דערציילערישן אופן איבערגעגעבן חסידישע מעשיות און חסידישן באַנעם.

* * *

אין סך־הכל: חסידות איז אַ רייכע וועלט, וואָס האָט געשפּייזט די יידישע וואָרט־קונסט. דער יידישער פאָרשער און קינסטלער, וועמען עס איז ניט פרעמד אונדזער גרויסע קולטור־ירושה, וועט אין חסידות געפינען אוצרות פון וואָרט, מעשה און בילד.

חסידות און דער משיח־טרוים

1

אַ לאַנגן און רייכן גלגולים־וועג האָט דורכגעמאַכט די משיחישע אידייע ביים יידישן פאָלק. אַרויסגעוואַקסן פון אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, איז דער גאולה־געדאַנק, ווי אַ שמאָל שטראָמל זיך צעוואַקסן אין אַן אַל־מענטש־לעכער באַפרייאונגס־אידייע שוין פאַר די נביאים, און פלייצט פון דאַן אָן איבער דער פינצטערער געשיכטע פון יידישן פאָלק ווי אַ ליכט־שטראָם.

פילגעשטאַלטיק, אין אַן אַ שיעור פּרצופים אַנטפּלעקט זיך די דערלייזונגס־אידייע אינעם לעבן פון פאָלק; קומט אויף ווי אַ שטורעם, שווענקט אונטער פעלזן, רייסט מיט מאַסן אַנגעצונדענע אין עקסטאַז־פלאַמען און לייגט זיך איין ווי אַ זיך דורכטראַגנדיקער אוראַגאַן.

אָט קומט אויף דער משיח־טרוים אין אַ פאָרם פון פּאָליטיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג (דוד הראובני), און אָט איז עס אַ מיסטישע באַוועגונג, דורכ־געפלאָכטן פון ליכטיקע און שווארצע כחות, וועלכע צינדן זיך אָן אין אַ העלן פלאַם און טליען אויס אין טשאַדיקן רויך (שבתי צבי), און אָט פליסט דער משיח־טרוים פאַרשלאָפן, מיד אין די הערצער פון אַ גאַנץ פאָלק און רעדט זיך בלויז אַרויס אין אַ „אף על פי שיתמהמה — אחכה לו בכל יום שיבא" (אַפילו ווען דער משיח פאַרזאַמט זיך, וועל איך פונדעסטוועגן וואַרטן אויף אים יעדן טאָג).

אין אַ היין פאַרזעצט זיך דאַן דער מקובל; מער וואַרטן קאָן ער ניט; ער מוז משיחן ברענגען מיט געוואַלט. ער פאַלט אין זיין היין, ווי אַ דער־שלאָגענער פּראָמעטעאוס, לעבט אָבער דורות־לאַנג אין דער לעגענדע פון זיידע צו אייניקל (יוסף דילה ריינה).

אַ פאַר בלעטלעך פון די משיחישע באַוועגונגען. ווי פאַרשיידן איינס איז פון צווייטן! די פאַרשיידנקייט שטעקט בלויז אין דער פאָרם, דער תוך איז שטענדיק דער זעלבער, ווייל אַבסאָלוט און צייטלעך צוגלייך איז די משיח־אידייע געווען. צייטלעך — יעדער דור האָט אַנגעבונדן אַן משיחן זיינע ליידן און פריידן, האָט איינגעוועבט אין דער גאולה זיינע בענקענישן און טרוימען און אויסגעמאָלט זיך די דערלייזונג לויט זיינע השגות און פאַרשטעלונ־גען. און נישט נאָר יעדער דור באַזונדער, — אין איין און דעם זעלבן דור האָבן באַזונדערע גרופּעס זיך פאַרגעשטעלט אַנדער דעם משיח. דער מקור פאַר די אַלע בענקענישן, באַגערן און פאַרשטעלונגען איז אָבער שטענדיק געווען דער זעלבער, — דאָס איז דערלייזונג. די וועלט טראָגט אין זיך אַן אינערלעכן פגם, די ווירקלעכקייט באַפרידיקט ניט, דאָס לעבן מוז איבער־געבויט, אויסגעלייזט ווערן.

2

די לעצטע יידישע אויסגעשפּראָכענע משיח־באַוועגונג אויפן שוועל פון דער נייער צייט איז געווען דער שבתי־צביאיזם. אויסגעטליעט אין שטיקנדיקן רויך פון פראַנקיסטישע רעשטלעך, האָט זיך די שבתי־צבי־באַוועגונג אויס־געלאָשן און אונטערגאַנגען. דער גאולה־געדאַנק שטאַרבט אָבער ניט אָפּ. ער טראָגט זיך אַריבער אַ באַנייטער אין דער חסידישער באַוועגונג.

אויפגעקומען פון די טיפענישן פון פאָלקס־געפיל, דורכגעוועבט מיטן אידעאַליסטישן ליכט פון דער קבלה, האָט דאָס חסידות געמוזט געבן אַן ענטפער אויפן קץ, הן פאַרן פאָלק, הן פאַר דער באַגרינדונג פון דער אייגענער תורה. אין קעגנזאַץ צום רבניזם, וואָס האָט געקוקט קרום אויף יעדער „דחיקת הקץ", איזביים חסידיזם, קאָן מען זאָגן, די באַוועג־קראַפט געווען דוקא דאָס מקרב זיין די גאולה.

חסידות האָט געלערנט ניט דאָס געדולדיקע, פּאַסיווע וואַרטן אויפן „ביאת הגואל", נאָר די אַקטיווע, שטורמישע מעשים לשם דער גאולה. אָפּהענגיק איז די דערלייזונג פון מענטשן גופא. ער איז דער העכסטער מושל איז דער בריאה און דאָס צינגל אויפן וואָגשאָל פון טוב ורע. די שליחות פונעם מענטשן אין דער בריאה איז די לייטערונג פון רע אין דער וועלט דורך זיינע מעשים, דאָס אויסשיילן די געטלעכע נצוצות פון די קליפּות און זיי אומקערן צום מקור פון טוב. און דאָס איז דאָך דערלייזונג פון דער וועלט, דער יום שכולו טוב. במילא איז שוין די חסידישע תורה געווען משיחיש אין אירע צילן, וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

3

דאָס געבורט פון רעליגיעס און משיחישע באַוועגונגען געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע און סטיכישסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע. די כחות, וואָס טרייבן אָט די דערשיינונגען, זיינען אַזוי ווייט פון דער נאָרמאַלער טאָג־טעגלעכקייט, אַז עס גלויבט זיך קוים אין דער היסטאָרישער רעאַליטעט פון אַזעלכע דערשיינונגען, ווי די באַוועגונגען פון שבתי־צבי, פון שלמה מולכו להבדיל. עס גלויבט זיך קוים, און ווינציקער אין זייער יחידישן ווי אין זייער מאַסן־מאָמענט. נעמען מיר למשל דאָס חסידות. מיר קאָנען זיך נאָך פאַר־שטעלן די אימפּולסן פון דער מאַסע, וואָס שטויסן זי מיטגעריסן צו ווערן נאָכן משיח, אָבער אונדז איז לחלוטין שווער זיך פאַרצושטעלן יענע גע־שלענגלטע וועגן פון דעם יחידס נשמה, וואָס רייסט מיט די מאַסע. נאָכגיין איז לייכטער ווי פירן, גלויבן אין יענעם איז נישט אַן ערך לייכטער ווי אין זיך.

אַנטוישט אין שבתי־צביין, איז דאָס פאָלק, די מאַסע, געוואָרן פאַסיוו, האָט אָפּגעלאָזט די הענט. אָבער פון איצט אָן האָט די משיח־געשטאַלט אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן די יחידי סגולה, ניט אַזוי ווי אַ פאַרקערפּערונג, נאָר ווי אַ וויזיע. די משיח־אמונה, די משיח־וויזיע, האָט דעם בעש״ט אַרויסגערופן, געפורעמט און באַשאַפן.

דער חסידיזם איז געווען אַ המשך און אַ סתירה צום שבתי־צביאיזם. די לעגענדע וועגן בעש״ט דערציילט: שבתי צבי איז אַמאָל געקומען אין חלום צום בעש״ט בעטן ביי אים אַ תקון, און דער תקון איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער בעש״ט זאָל זיך מיט אים מקשר זיין (צוזאַמענבינדן), נפש מיט נפש, רוח מיט רוח, נשמה מיט נשמה, האָט דער בעש״ט אָנגעהויבן זיך מתקשר זיין מיט אים זייער לאַנגזאַם.״ (שבחי בעש״ט).

אַז דער ציל פון חסידות איז אַ משיחישער, האָט דער בעש״ט דייטלעך אַרויסגעזאָגט אין זיינעם אַ בריוו, וואָס איז אַ „מאַניפעסט״.

אין 1750 האָט דער בעש״ט געשריבן אַ בריוו צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער. דער דאָזיקער בריוו האָט אויפגערודערט די חסידישע וועלט. ער שרייבט דאָרט:

> „דעם ערשטן טאָג ראש השנה, האָט זיך מיין נשמה אַ הויב געטאָן אין דער הויך און איך האָב דערזען וואונדערלעכע זאַכן, וועלכע איך האָב זינט איך לעב ניט געזען . . . און אַזוי אַרום האָב איך זיך געהויבן פון מדרגה צו מדרגה, ביז איך בין אַריינגעקומען אין היכל פון משיח, דאָרטן וואו משיח לערנט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים . . . און איך האָב געפרעגט משיחן: „ווען וועט ער קומען״, און ער האָט מיר געענטפערט בזה הלשון: „אָט האָסטו אַ סימן: ווען דיין תורה וועט פאַרשפּרייט ווערן און דו וועסט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט, און דיינע קוואַלן — אַלץ וואָס איך האָב מיט דיר געלערנט און דו האָסט תופס געווען, וועלן זיך אויסגיסן כלפּי־חוץ, צו דרויסן צו, אַזוי אַז אויך זיי וועלן זיין בכח צו מיחד זיין יחודים און נתעלה ווערן פונקט אַזוי ווי דו — דאַן וועט צעשטערט ווערן די קליפּה, די בייזע מאַכט, און עס וועט אָנקומען אַ צייט פון גענאָד, ישועות און נחמות.״

דער דאָזיקער בריוו ווייזט ווי שטאַרק ער האָט געגלויבט אין זיין אייגענער שיטה, וואָס אין איר האָט זיך, לויט זיין מיינונג, געוואָנדט דער גאַנצער גורל און וואָס איר פאַרשפּרייטונג האָט געקאָנט ברענגען משיחן. די ערשטע חסידים, די תלמידים פון בעש״ט, ר׳ בער מעזעריטשער, ר׳ פּנחס קאָרעצער, ר׳ נחום טשערנאָבילער, האָבן טאַקע געגלויבט באמונה שלמה, אַז די גאולה וועט ניט קומען איידער דעם בעש״טס תורה וועט ניט איינגעמען די וועלט.

4

אָבער נישט בלויז אין דער תורה איז דאָס חסידות געווען משיחיש; נאָך שטאַרקער האָט דער משיח־טרוים זיך אויסגעדריקט אינעם לעבן פון די ערשטע חסידים.

אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען אין דער וועלט האָבן זיך שוין געטראָגן די שטורעמס פון רעוואָלוציעס, האָט דער משיחיזם אין לעבן געזוכט זיין באַשטעטיקונג. ניט ווייניק צדיקים האָבן געזען אין נאַפּאָלעאָנען דעם אָנזאָגער פון דער גאולה. ר׳ שלמה קאַרלינער האָט געפירט אַ מלחמה מיט דעם שר העליון כדי צו העלפן דעם קייזער פון פראַנקרייך, און פלוצלונג איז צוגעקומען אַ קאָזאַק צום פענצטער פון בית־המדרש, אַריינגעשאָסן און פונקט געטראָפן דעם רבין. די חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער „שר העליון״ האָט דער־הרגעט זיין „מתנגד״.

דער טויט פון רבין האָט אָבער ניט אָפּגעשראָקן אַנדערע פון מתפלל זיין פאַר דעם נצחון פון נאַפּאָלעאָנען. צו די דאָזיקע האָט געהערט דער צדיק ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער. אין 1814, ווען מען האָט שוין געוואוסט, אַז נאַפּאָלעאָן איז ניט משיח נאָר גוג און מגוג, און האָט פאַרלאָרן, משיח קומט שוין ווידער נישט, האָט דער חוזה פון לובלין ניט געקאָנט צוזען דעם גרויסן צער און טרויער, וואָס איז יידן באַפאַלן, און באַשלאָסן צו צואיילן דעם „קץ״, דאָס קומען פון משיחן. דער חוזה איז געשטאָרבן תשעה־באב 1815, דעם טאָג וואָס אין אים איז לויט דער תלמודישער לעגענדע געבוירן געוואָרן משיח. חסידים האָבן געזאָגט: „לא איכשר דרא״ — דער דור איז ניט ראוי משיח זאָל קומען...

די משיחישע טרוימען האָבן זיך ווייטער געשפונען, אַ גרויסן אָרט פאַר־נומען אין לעבן פון די ערשטע חסידים. ביי איינעם אַ פריידיקע, בטחון־פולע משיח־טרוימעריי; ביים אַנדערן — אַ האַרציקע, דורכגעזאָפּט מיט טרויער, דורכגעוועבט מיטן זיפץ פון דער אָרעמקייט: עד מתי, טאַטע, פאָטער?

דער טאָג פון חורבן איז געווען פאַר אַ סך פון די עקזאַלירטע קאַבאַליסטן אַ טאָג פון גרויסע דערוואַרטונגען און ביטערע אַנטוישונגען. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער גרויסער אוהב ישראל, דער שטאַלצער מאַנער ביים רבונו של עולם פאַר די קריוודעס און צרות פון זיין פאָלק, האָט תשעה באב אַ גאַנצן טאָג אין גרויס אויפרעגונג געוואַרט, אַז דער זון פון דוד זאָל שטראַלנדיק דערשיינען. עס האָט זיך אים ניט געוואָלט גיין אין קלויז אַריין וויינען און קלאָגן אויפן גלות און חורבן.

אין שטאָט איז געוואָרן אַלץ פינצטערער. דער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אין קלויז און געוואַרט אויפן רב. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אָבער אַלץ

געשטאַנעןביים פענצטער, אויסגעקוקט דעם דערלייזער, ער זאָל אָנקומען מיט די פלאַם־וואָלקנס...

דער שמש איז דערווייל אַריין און אַ זאָג געטאָן: עס איז שוין שפּעט, דער עולם וואַרט. מיר דאַרף זאָגן קינות. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיין בליק האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעשן, ער האָט שוין געזען פינצטערע וואָלקנס און דעם כביכול אַליין טרויערן ווי אַן אבל... האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין שול און אין ביטערן געוויין אָנגעהויבן שלוכצן: „איכה ישבה בדד!"

ר׳ משה טייטלבוים פלעגט אָנזאָגן זיין שמש יעדעס מאָל איידער ער פלעגט זיך לייגן אָפּרוען: „אַז משיח וועט קומען, זאָלסטו מיך למען השם גלייך אויפוועקן."

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, אַ תלמיד פון ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, האָט אַמאָל געהערט פון זיין רבין, אַז ווער ס׳לעבט אין דער צייט וואָס דער קאָזשעניצער מגיד איז דאָ אויף דער וועלט און זעט אים ניט, וועט ער ניט זוכה זיין צו זען דאָס פּנים פון משיחן. הערנדיק דאָס, האָט ר׳ נפתלי גענומען דאָס זעקל אויף די פּלייצעס, דעם שטעקן אין האַנט און זיך געלאָזט לויפן קיין קאָזשעניץ. אַריינגעפאַלן אין צימער פון קאָזשעניצער אָן אָטעם, אים אָנצוקוקן, ווייל טאָמער פאַרשפּעטיקט ער איין מינוט און דערווייל קומט משיח אָן.

ר׳ שלמה לייב לענטשנער האָט געזאָגט: „דער ייד הקדוש האָט געזאָגט, אַז איך בין משיח בן יוסף, באמת קום איך אָבער אַרויס פון בית דוד."

5

ר׳ נחמן בראָסלאַווער, דער אייניקל פון בעל־שם, דער קינסטלער־רבי, האָט זיך ניט געהאַלטן בלויז פאַר אַ רבין — ער איז משיח. ער וויל אויסלייזן נישט נאָר זיינע חסידים — ער האָט גרעסערע, ווייטערע אַספּיראַציעס. אָבער נאָך דעם דורכפאַל פון די פריערדיקע משיחים מוז מען פאַרזיכטיק זיין, פאַרזיכטיק נישט נאָר לגבי מענטשן — אויך לגבי דעם הימל. מען דאַרף זיך פאַרשטעלן — און ר׳ נחמן, דער באַהאַלטענער משיח, איז געוואָרן אַ מעשיות־דערציילער, אַ פּאָעט. און וואָס איז דען בכלל אַ קינסטלער אויב ניט אַ פאַרשטעלטער גואל און משיח?

און אָט שטייט אויף מיט קאַרגע הונדערט יאָר שפּעטער פון בעל־שם אַ נייער אידייען־טרעגער פון בעש"טישן חסידיזם, איינער וואָס האָט טאַקע געטראָגן דעם זעלבן נאָמען ווי דער גרינדער: ישראל — ר׳ ישראל ריזשינער, און ער האָט אָנגעהויבן מיט משיחישקייט. נישט מער, זיין גאַנג איז געווען אַן אַנדערער, ניט קיין קינסטלערישער ווי ר׳ נחמנס. זיין שטייגער לעבן איז

געוועז מלכותדיק, עולם־הזהדיק. „מען דאַרף מעלה זיין די נשמות — לערנט ער — דורך עוסק זיין אין עולם־הזה”. און די חסידים גלויבן, אַז ער איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער יידישער פּרינץ, אַ פּירשט מיט אַ חזקה אויף דוד המלכס שטול...

און ווידער דאָס זעלבע, מען מוז פּאַרזיכטיק זיין. אַ משיח האָט שוין אַמאָל אָנגעטאָן אַ טערקישע פעסקע מיט אַ גרינער לענטע... האָט ער זיך פּאַרפעסטיקט ערדיש, געמאַכט דעם הויף פּאַר אַ מלוכה, אַ הויף אין וועלכן דאַי זין און טעכטער זיינען געווען פּרינצן און פּרינצעסינס, געווען געקליידט אין זייד, מיט גאָלד און בריליאַנטן אויסגעפּוצט, און די פרויען האָבן זיך געקליידט נאָך דער לעצטער מאָדע. אויפן ריזשינערס חסידות איז אויסגעגאָסן געוואָרן דער חותם פון מלכותדיקייט מיט אַ פּרעטענציע אויף משיחס שטול. אָבער דערלייזער זיינען פּאַרמשפּט דורכצופאַלן, האָט דער ריזשינער זיך באַ־נוגנט מיט וואָרפן רמזים וועגן זיין משיחישקייט.

ווען אויך ער, דער ריזשינער, איז אַוועק פון דער זינדיקער וועלט, האָבן חסידים געגלויבט, אַז זיין דור איז ניט ראוי געווען ער זאָל זיך אין אים מתגלה יין ווי אַ משיח, האָט ער זיך באַהאַלטן אין הימל. יאָ, דעם ריזשינערס דור האָט ניט זוכה געווען, אַ משיח זאָל זיך אין אים אַנטפּלעקן. אַנדערע האָבן אויך נישט זוכה געווען. אָבער דער משיחישער טרוים האָט זיך ווייטער געוועבט.

און חסידות וואַרט נאָך אַלץ אויף אַ גואל.

חסידיזם לויט אַ מאַרקסיסטישן פאָרשער

„ערגעץ טוט זיך ווידער אַלץ צעברענען,
וואָס דער ווינט דער אונטערשטער פאַרלעשט;
ערגעץ מוז אַן אָרט זיין און אַ דור זיין,
וואו עס טרעפט זיך לעניין מיטן בעש"ט."
(אהרן צייטלין, „באַרירונג".)

„פאַר אונדז איז וויכטיק פעסטצושטעלן די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון דער נעגאַטיווער באַציאונג פונעם חסידיזם צו אַסקעטיזם. אַסקעטיזם איז שטענדיק געווען איינס פון די שטאַרקסטע געצייג פון די הערשנדיקע קלאַסן אויף צו אונטערדריקן די נידעריקע.

פולקום פאַרשטענדלעך איז, וואָס דער חסידיזם האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר אין אַ ווידערשפּרוך מיט די גרונט־פּרינציפּן פון רבניזם, נאָר אויך פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס איר אידעאָלאָגיע איז דער רבניזם געווען. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער חסידיזם האָט אַרויסגערופן ביטערע רדיפות קעגן זיך, וואָס די חסידישע געמיינדעס האָבן געמוזט פירן אַן אומלעגאַלע עקזיסטענץ. זיינע קעגנער האָבן געקעמפט קעגן די שפּאַלטער דורך חרם, אָבער די אַפּיקורסות פלעגט זיך פאַרשפּרייטן, פלעגט דעראָבערן אַלץ מער אָנהענגער.

אָבער די באַגרענעצטקייט פונעם חסידיזם פלעגט זיך אויסדריקן אין דעם, וואָס ער איז געווען פּייאיק בלויז צו דעמאָראַליזירן, צעלייגן דעם קהל, ניט שטרעבנדיק צו שאַפן נייע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. אין זיינע געזעלשאַפט־לעכע פאָרמען האָט דער חסידיזם גאָרניט געגעבן, וואָס זאָל לפּחות אין דער ווייטסטער מאָס דערמאָנען די קאָמוניסטישע טענדענצן, אין וועלכע עס זיינען באַפאַרבט פיל ראַדיקאַלע רעליגיעזע סעקטעס. זיינע אָנשויאונגען אויף אייגנ־טום האָבן זיך כמעט ניט אונטערגעשיידט פון די הערשנדיקע. ווייטער פון ברייטער צדקה פון זיינע פאַרמעגלעכע מיטגלידער, פון געמיינזאַמע סעודות און פאַמיליאַרישע איינפאַכקייט פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען איז דער חסידיזם ניט געגאַנגען. דעריבער איז דער פּאָזיטיווער סאָציאַלער אינהאַלט פונעם חסידיזם זייער קאַרג און אָרעם. די סיבה פון דעם באַשטייט אינעם

סאָציאַלן באַשטאַנד פון יענע גרופּן, אויף וועלכע ער האָט זיך געשטיצט. די טרעגער פונעם נייעם גלויבן זיינען געווען אַרענדאַטאָרן, קרעטשמער און קליינע קרעמער, די גרופּע פון דער באַפעלקערונג, וועלכע דערנעענטערן זיך צו דער קליינבירגערלעכער מאַסע. זייער אידייאישע באַגרענעצטקייט איז אַרויסגעדרונגען פון זייער סאָציאַלער לאַגע. אומגעהויער ליידנדיק פון דער געמיינדע־אָרדענונג, האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען קיין רעאַלע מיטלען פון קאַמף קעגן די אָרדענונגען, וועלכע זיי האָבן געהאַסט.

אויב די אַנטוויקלונג פונעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק איז געגאַנגען צו אייראָפּייאיזירונג פונעם יידישן פאָלק, איז לאָמיר זאָגן באַשטימט, אַז דער דאָזיקער וועג גייט ניט דורכן חסידיזם, הגם ער איז געווען אַן אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג פונעם פאָלק. נאָר צוליב דער באַגרענעצטקייט פון די סאָציאַלע שיכטן, אויף וועלכע ער האָט זיך אידייאיש געשטיצט, האָט ער ווייניקער פון אַלץ געקאָנט מיטהעלפן דעם דאָזיקן פּראָצעס.״

(טוביה הייליקמאַן: „געשיכטע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג פון די יידן אין פוילן און רוסלאַנד״, 2טער טייל, מאָסקווע, 1926.)

אַזוי שאַצט אָפּ דעם חסידיזם אַ מאַרקסיסטישער פאָרשער. אַן אינטערע־סאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן חסידות און השכלה אין גאַליציע אין ליכט פון מאַרקסיסטישן אַנאַליז האָט אָנגעשריבן דר. רפאל מאַהלער.

דאָ ווילן מיר אָנווייזן אויף די בולטע סאָציאַלע מאָטיוון פון חסידיזם.

דער סאָציאַלער מאָטיוו אין חסידות

1

„דער חסידיזם איז דער לעצטער רינג אין דער קייט, וואָס האָט פאַר־אייניקט משיחישע אַפּאָקאַליפּטיק מיט נביאישער סאָציאַלער גערעכטיקייט. פונקט ווי דער מאַרקסיזם, וואָס איז, אויף אַן אַנדער אופן, אַ סינטעז פון משיחיזם און נביאישקייט.״ ס׳קאָן זיין, אַז וואָס שייך חסידות האָט ריינהאָלד ניבור — צו אים באַלאַנגען די נאַר־וואָס ציטירטע שורות — אין דעם אַ קנאַפּע ידיעה. וואָרים טאַקע אין דער אמתן, ווי קומט אַ מתנגדישער קריסט, אַ דערצויגענער אויף קאַלוויניסטיש־לוטעראַנער טעאָלאָגיע, צו פאַרשטיין די אייגנאַרטיק־יידישע שיטה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַ פּאָדאָליער ערד־און הימל־גייער מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק! אָבער מיר מוזן ניט האַלטן ניבורן פאַר אַ בר־סמכא אין חסידות און דאָך מודה זיין, אַז ער האָט מיט זיין גרויס שאַרפזיניקייט און רעליגיעזער שפּירעוודיקייט אַרויסגעבראַכט אַ גרונטאָוונעם געדאַנק.

געוויס בולט איז דער סאָציאַל־עטישער מאָטיוו אין די ספרים פון די ערשטע גרינדער פון חסידות. די ערשטע בעש״טישע חסידישע פירער האָבן ניט איין מאָל אין זייערע ספרים אונטערשטראָכן דעם באַוואוסטן בעש״טישן כלל גדול, אַז מ׳קאָן מיט אַ קאַפּיטל תהילים דערגרייכן מער ווי אַ למדן מיט זיין קענען גאַנץ ש״ס! מיט דעם האָבן זיי אונטערשטראָכן די חשיבות פון דעם פשוטן מאָסן־מענטשן.

„שועלים קטנים מחבלי כרמים״ (קליינע פוקסן, וואָס פאַרדאַרבן די וויינ־גערטנער), „זיינען די רבנים, וואָס יאָגן זיך נאָך געלט דאָ, און יעדער איינער גרויסט זיך איבער די מאַסן״, שרייבט ר׳ יעקב יוסף פּולנאָער, דער יורש פון בעל־שם, אין זיין ספר „תולדות יעקב יוסף״. דעם בעל־שמס תלמיד לערנט דעם צדיק, ער זאָל זיין אויסגעבונדן מיטן פאָלק, „ער מוז זיך סטאַרען, אַז דער פּראָסטער עולם זאָל אים ליב האָבן״. ר׳ יעקב יוסף קעמפט קעגן דער שליטה פון געלט ניט ווייניקער ווי קעגן פּלפּול.

אין פּראַקטישן לעבן האָט דעמאָלט די נויטווענדיקייט פון מילדערן די סאָציאַלע סתירות געקאָנט קומען צום אויסדרוק נאָר דורך צדקה, און דערפאַר איז דער עיקר — פון אַ סך, אויב ניט אַלע חסידישע ווערק, אין יענער צייט געווען באַזירט אויף דעם חוב פון געבן צדקה. דער ענין צדקה איז אָבער ביי אַזאַ וויכטיקן פאַרשטייער און אידעאָלאָג פון חסידות ווי ר׳ שניאור זלמן לאַדיער, דער גרינדער פון דער חב״ד־באַוועגונג, בפירוש דערהויבן גע־וואָרן צו אַ סאָציאַל־עטישן געבאָט. ר׳ שניאור זלמן האָט אין זיינעם אַ מאַני־

פעסט בפירוש געוואָרנט זיינע חסידים: „געדענקט, אַז עס שטייט אין פסוק „וחי אחיך עמך״! מען טאָר זיך ניט, לויטן האַרבן דין, קליידן אָנשטענדיק און פראַווען סעודות, ווען דעם חבר פעלט ברויט צום עסן, אָדער האָלץ צום הייצן.״ (אגרת הקודש.)

פון דעם פרינציפּ פון רעליגיעזער גלייכקייט האָט זיך אַרויסגעוויקלט דער יסוד פון סאָציאַלער גלייכקייט.

„דער פאַרמעגלעכער ייד דאַרף באַטראַכטן זיין געלט בלויז ווי אַ הלואה פון גאָט און ניט ווי אַבסאָלוט אייגנס״, זאָגט ר׳ מענדל קאָסאָווער. און ר׳ נחום טשערנאָבילער, פון די ערשטע זיילן פון חסידות אין איר בלי־תקופה, אַ צדיק וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי צו רעדן אין דער שפּראַך פון פאָלק, זיך מיט אים צונויפגעשמאָלצן און געזוכט זיך אין זיין לעבן צו פאַרטיפן, — אינטער־פּרעטירט די לעגענדע פון תלמוד וועגן „קמצא ובר קמצא״, אַז „אין פאַר־שיידענע צייטן זיינען פאַרשיידן אויך די מאָסן, און אַז פאַר אָרעמע לייט און גבירים זיינען אויך די מאָסן פון גוטס און שלעכטס באַזונדערע״...

אין אַ קינסטלערישער פאָרם איז דער סאָציאַלער גאולה־טרוים געקומען צום אויסדרוק אין דער חסידישער ליטעראַטור דורך ר׳ נחמן בראַסלאַווער. אין דעם בראַסלאַווערס נשמה האָט געשלאָגן אַ טיפער קוואַל פון וועלט־צער. דאָס איז דער צער איבער די „חסרונות״ פון דער וועלט, דער פּיין פון זען די „פּגימות״. פונדאַנען קוואַלט אויך דער הייסער באַגער צו דערלייזונג. מיט אָט דעם וועלט־צער און דעם גאולה־דראַנג זיינען באַהויכט אַלע בראָס־לאַווערס מעשהלעך. „ס׳איז פאַראַן אַ באַרג, און אויף דעם באַרג שטייט אַ שטיין, און פון דעם שטיין גייט אַ קוואַל, און איטלעכע זאַך האָט אַ האַרץ, און די וועלט אינגאַנצן האָט אויך אַ האַרץ — און דער באַרג מיט דעם קוואַל שטייען אין איין עק פון דער וועלט און דאָס האַרץ פון דער וועלט שטייט אין דעם אַנדערן עק פון דער וועלט. און דאָס האַרץ שטייט קעגן דעם קוואַל און גלוסט און בענקט זייער, אַז עס זאָל קומען צו דעם קוואַל.״ — וואָס איז דאָס האַרץ פון דער וועלט? ס׳איז נישט שווער צו פאַרשטיין, וואָס דער סימבאָל באַדייט ביים בראַסלאַווער. דער גרויסער יחיד, דער מענטש, וואָס פילט דעם צער פון דער וועלט און גלוסט צום קוואַל פון דער וועלט, צום מקור פון טוב, צו דער געטלעכקייט. דאָס איז דאָס האַרץ פון דער וועלט.

אייביק בענקט דאָס האַרץ פון דער וועלט צום קוואַל פון דער וועלט צוצוקומען. ווי נאָר אָבער דאָס האַרץ טוט זיך אַ ריר פון אָרט, אַזוי פאַרלירט עס פון אויג דעם שפּיץ־באַרג און עס הערט אויף צו זען דעם קוואַל, דאַן קאָן חס־ושלום אומקומען דאָס האַרץ. אייביקע בענקשאַפט, אייביקער באַגער. און בענקשאַפט איז פאַרן בראַסלאַווער אַן אַקטיווע זאַך.

נאָך מער ווי אין דער טעאָריע באַווייזט די חסידישע פּראַקטיק דעם

סאָציאַל־עטישן געפיל אין לעבן פון די ערשטע חסידים. זאָל צום ערשטן דערמאָנט ווערן די אומבאַדינגטע אידייע פון חברשאַפט און סאָלידאַרישקייט, וואָס איז געווען דער סימן־מובהק פון חסידות. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די האַרציקע, דורכגעוועבטע מיט דעם זיפץ פון אָרעמקייט טענות פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער; אין דער צדיקישער פּראַקטיק פון ר׳ משה לייב סאָסעווער, וואָס פלעגט ווייטיקן מיט דער וואָכעדיקער זאָרג פון יעדן יידן, אין מיטן־נאַכט זיך אָנגעטאָן אין אַ פּעלצל פון אַ פויער צו ברענגען אַ קראַנקער יידענע אַ ביסל האָלץ, ראַטעווען צעשלאָגענע גנבים פון תפיסה און אויסלייזן אַ פאַרחובטן אַרענדאַר; אין ר׳ משה קאָברינער, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז „ער איז אַ זון פון אַ בעקערין און איז אַרומגערינגלט מיט סטאָליאַרעס און מוליאַרעס״.

2

אין דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, ווען דער חסידיזם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצווייגן אין פאַרשיידענע ריכטונגען און זיך אָנגעהויבן ברעכן אויפן וועג פון ירידה, איז ער אויך אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיין סאָציאַל־עטישן אינהאַלט. דער דעמאָקראַטישער תוך פון די ערשטע בעש״טישע צדיקים איז פאַרשוואונדן און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ נייע היעראַרכיע פון צדיקים.

אין אוקראַינע האָבן די טשערנאָבילער אייניקלעך גורם געווען צו דער עטישער ירידה. יעדער צדיק האָט זיך באַמיט מיט פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרגרעסערן זיין הויף און אַזוי אַרום צו באַפעסטיקן זיין מעמד. שוין ר׳ מרדכי טשערנאָבילער, דער זון פונעם פאָלקס־צדיק ר׳ נחום, האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער קאָמערציאַליזירונג פון אוקראַינער חסידות דורך זיין רייכן הויף און נגידישער פירעכץ.

די דעמאָקראַטישקייט פון חסידות איז פאַרשוואונדן און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ צדיקישער אינסטיטוציאָנאַליזם, וואָס האָט איינגעשטעלט אַ טיפע דיסטאַנץ צווישן דער מאַסע און צדיק. די פאָלקישקייט פון חסידות איז פאַרביטן געוואָרן אויפן אויבער־מענטש צדיקיזם, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון חסיד בלויז גלויבן אין צדיק, „אַפילו ווען ער איז פאַרזונקען אין די קליינלעכע זאַכן פון דער וועלט״...

אין מזרח־ און מערב־גאַליציע איז אויפגעקומען אַ מסחר מיט „בני, חיי ומזוני״. אין פוילן — רביאישע הויף־פּאָליטיק, וואָס האָט איינגעשפּאַנט די מאַסן אין וואָגן פון גבירים און תקיפים, סאַטראַפּן אין יידישן לעבן, וואָס האָבן געפירט אַ מה־יפית פּאָליטיק; און אין בוקאָווינע און רומעניע — די באַוואוסטע ריזישענער און סאַדיגורער עשירות, גלאַנץ און צעלאָזנקייט.

אין זיין מעמוארן־בוך „פוילן״ (ניו־יאָרק, 1944), וואו דער שרייבער י. י. טרונק גיט איבער די גענעאַלאָגיע פון זיינע עלטערן, אַ רבניש־חסידיש יחוס־דיקע משפּחה, פירט ער אַרויס די פיגור פון טראַגישן ר׳ מענדל קאָצקער, אין וועמען ס׳חסידות האָט זיך איבערגעבראָכן אויף צו גיין דעם וועג פון ירידה. אַנטקעגן דער געשטאַלט פונעם קאָצקער שטעלט ער אַרויס צוויי קלאָרע געשטאַלטן, וואָס האַלטן אויף דעם דעמאָקראַטישן ניצוץ פון בעל־שם — די געשטאַלט פון ר׳ יצחקל וואורקער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ קוואַל פון ליבשאַפט צום חסידישן המון און ר׳ מרדכי איזשביצער.

„דער קאָצקער האָט דאָס גאַנצע חסידות געשטעלט אויף דער יחידישער און אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט. ער האָט זיך אַנגעהויבן אָפּצושיידן פון מענטשן און איז געוואָרן מענטשן־פאַראַכטעריש. אויך זיינע ווערטער האָבן געקלונגען ווי שאַרפע אַפאָריזמען און זיי האָבן געבליצט מיט ברוטאַלער, טיפער, און צוגלייך מענטשן־פאַראַכטערישער חכמה.״ אָבער דאָס איז געווען אַן אָפּנויג פון חסידישן דרך, ווייל „אין גאַנצן מהות אירן איז דאָס חסידות געווען געבויט אויף אַ טיף־רעליגיעז געמיינשאַפטס־געפיל, איז דעריבער נאַטירלעך, אַז אַ סך חסידים איז געווען דערווידער די אָפּגעזונדערטקייט פון קאָצקער פון יעדן פאַרקער מיט די חסידים.

אָט די חסידים האָבן זיך געצויגן נאָכן צדיק ר׳ יצחקל וואורקער, וואָס האָט געהאַלטן — ווי טרונק שרייבט — „אַז די אור־קוואַלן פון דער וועלט זיינען אַ גרויסע ליבע, ד. ה., אַ גרויס געמיינזאַמקייטס־געפיל.״

„דעם וואורקערס ליבשאַפט צו אַלע מענטשן איז נאָך היינט שפּריכ־ווערטלעך ביי די פּוילישע חסידים. דער קאָצקער האָט געזאָגט, אַז דער וואורקער „קריכט אַרום מיט די שטיוול אין הימל״, ד. ה., אַז ער זעט דאָרט, אין די דערהויבנקייטן פון לעבן, אַן אָרט פאַר אַלע מענטשן.״

און נאָך אַ געשטאַלט, וואָס האָט מורד געווען אין קאָצקערס אינדיווי־דואַליזם אין נאָמען פון חסידישער דעמאָקראַטישקייט, פירט י. י. טרונק אַרויס, און דאָס איז ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, וואָס האָט דורכגעפירט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין קאָצקער הויף. די סיבה פון איזשביצערס מרידה איז געווען:

„ר׳ מרדכי יוסף האָט ברודערלעך געלעבט מיט די חסידים און תמיד געווען אין חסידישער התלהבות. דאָס האָט אים פאַרפרעמדט פון קאָצקערס אָפּגעזונדערטקייט. ר׳ מרדכי יוסף איז געווען אַן אומרואיקע רעוואָלוציאָנערע נאַטור. צום ליבסטן זיינען אים געווען ראַדיקאַלע ווידערשפּרוכן. ביישפּיל: דער ביבלישער קרח קומט שוין אין חומש אַרויס אַלס דער אומפאַרבעסער־לעכער מורד קעגן משה רבינו. אין תלמוד און אין דער גאַנצער רעליגיעזער יידישער ליטעראַטור ווערט קרח באַטראַכט אַלס דער סימבאָל פון דער זינד־

האַפּטיקייט. זיין, קרחס, קריוודע נעמט זיך ר׳ מרדכי יוסף אָן אין זיין ספר „מי השלח״. ער באַמיט זיך אויפצואווייזן, אַז קרח איז געווען אַ גרויסער מאַן און אַ גרויסער מקובל און זיין רעוואָלוציאָנערע טאַט קעגן משהן איז געווען אינספּירירט פון מיסטישע רעיונות.״

ר׳ מרדכי יוסף האָט צוגעגרייט אַ גאַנצע רעוואָלוציע, האָט אויף אַ צייט אָפּגעצויגן די גרעסטע צאָל חסידים פון קאָצק.

פון דער גאַנצער רעוואָלוציע האָט זיך אָבער גאָרניט אויסגעלאָזן. דאָס רוב פון די אַוועקגעגאַנגענע זיינען איינציקווייז צוריקגעקומען קיין קאָצק.

דאָס בעש״טישע חסידות, אין איר אָריגינעלער המונישער פאָרם, האָט שוין געהאַלטן ביי איר אונטערגאַנג. איר אָרט האָט פאַרנומען דער אויטאָריטעט פון רביישן שטול. די איזשביצער מרידה איז געווען אַ פונק, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט אין אַ בינטל פויל שטרוי און איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן...

שטימען פון פּראָטעסט קעגן דעם בירגערלעכן כאַראַקטער פון צדיקיזם האָבן זיך געהערט נאָך אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן פון לעצטן יאָר־הונדערט. דער קאַמף פון ר׳ חיים צאַנזער קעגן דער סאַדיגורער דינאַסטיע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1868 אין שייכות מיט דער אַפּערע פון ר׳ בערעניו, איז ניט בלויז געווען אַ קאַמף קעגן אַ חלול־השם אין דער חסידישער וועלט, נאָר קעגן אַן אָליגאַרכיע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיטן אָרעאָל פון מלכותדיקן גלאַנץ. דער צאַנזער האָט אין זיינע חרם־בריוו אויף די ריזשינער קינדער אונטערשטראָכן, אַז „זיי זוכן נאָר פאַרגעניגן, עסן און טרינקען און פאָרן אין גילדערנע און זילבערנע קאַרעטעס, און זייערע ווייבער טוען זיך אָן ווי די גויעס״.

דעם צאַנזערס קאַמף איז געווען אַ געוואַגטער פּרואוו איינצוהאַלטן אין צדיקיזם די רעשטן פון זיין אַמאָליקן דעמאָקראַטישן כאַראַקטער.*)

אין קאָצקער חסידות האָט נאָך געלעבט אַ רעליגיעזע בונטאַרישקייט, אַ מרידה קעגן „שיינע יידן״, ביי וועמען חסידות איז געווען אַן ענין פון מהיכא־תיתא. די בונטאַרישקייט האָט דערמאָנט אין די צייטן פון ר׳ מענדעלע איז טאָמאַשאָוו, ווען חסידישע יונגעלייט האָבן געקנאָטן ליים און ציגל, געפירט אַ קאָמונאַל לעבן און געלעכצט נאָך גאולה.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אויף דער יידישער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָציאַלע דערוואַכונג, איז אין חסידות אויך פאָרגעקומען אַ באַ־נייאונג. אין אוקראַינע זיינען פאַרשוואונדן די רבישע הויפן מיט „מעמדותן״ און לעבן אין זכות־אָבות פון „זיידעס״, און עס האָבן זיך באַוויזן נייע לעבעדיקע

*) זע דר. ר. מאַהלער: „דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע״, ניו־יאָרק, 1942.

שפּראָצן אין פֿאַרעלטערטן חסידישן גאָרטן; שפּראָצן, וואָס האָבן געוואָרצלט אין אַלטן בעש״טישן באָדן. ר׳ שלום בראַהינער, אַ צווייג פֿון קוידענעווער הויף, איז געווען אַ מוסטער פֿון אַן אַלטן טיף צדיק, וואָס האָט פֿאַרמאָגט די בעש״טישע תמימות, די פֿרומע בין אָדם לחברו׳דיקייט און געגלויבט אין דער מיסיע פֿון חסידישן וואָרט. ר׳ דוד הירש טשערניגעווער און זיין זון ר׳ מענדעלע ניעזשינער האָבן פֿאַרלאָזן דעם היכל פֿון חב״דישער מחשבה און מיט זייער מסירת־נפשדיקער ווידמען זיך דער כלל־ישראל אַרבעט, אויפֿגעלעבט דעם געפֿיל פֿון אהבת־ישראל.

אין פּוילן האָט ווידער אויפֿגעשיינט דאָס ליכט פֿון אָריגינעלער חסידות. איבער די אומעטיקע פּוילישע פּליינען האָבן נאָך אַלץ אַרומגעבלאָנקעט „תהילים־יידן״ און געטרייסט „צעבראָכענע יידישע הערצער״, און פֿון צייט צו צייט האָט ערגעץ אין אַ פּויליש ווינקעלע אויפֿגעבליצט אַ פֿונק, וואָס האָט דערמאָנט אין דער חסידישער אור־תקופֿה. צי דאָס איז געווען דער פֿאָלקס־רבי פֿון פּיעטערקאָוו, וואָס האָט אַמאָל געפּלאָסטערט גאָסן אין שטאָט און ער איז געבליבן ביי זיין פֿאָך־נאָמען „דער ברוקאַזש״, צי דאָס איז געווען אַ בעקערס אַ זון, ר׳ יחיאל מאיר אוסטראָווצער, וואָס האָט מיט זיין גאונות באַשיינט דאָס יידישע פּוילן, אָדער דאָס איז געווען ר׳ שלמהלע טיטשינער, וועלכער האָט זיך געחברט מיט בעלי־עגלות און דאָרפֿס־יידן.

* * *

מיטן אויפֿקומען פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט זיך דער סאָציאַל־עטישער געדאַנק אויפֿגעהערט אויסצולעבן אין ריין־רעליגיעזע באַוועגונגען און געזוכט זיין תקון אין אַלגעמיין־מענטשלעכע באַוועגונגען, אָבער ער קאָן נאָך געפֿינען שעפֿן פֿון אַלטן קוואַל, וואָס הייסט: חסידות.

חסידיש ליד און באַלאַדע

(אַנטאָלאָגיע)

חסידות, — אַ וועלט, אין וועלכער דער מאָדערנער פאָרשער־געדאַנק האָט ערשט ניט לאַנג גענומען אַריינדרינגען. און וואָס מער מען דרינגט אַהין אַריין, אַלץ נייע וועלטן פון מענטשלעכער שיינקייט אַנטפּלעקן זיך דאָרטן. פון זייער עטישן און פאָעטישן ווערט קאָן מען האָבן אַ השגה שוין פון פרצעס חסידישע מעשה־לעך. זייער רעליגיעזע, פילאָסאָפישע און נאַציאָנאַלע באַדייטונג וואַרט נאָך אויף אַ פאַרשטענדיקן פאָרשער. (דר. חיים זשיטלאָווסקי: „ייד און מענטש״, צווייַ פאַר־לעזונג, זייט 66.)

ח. נ. ביאַליק:

מיין מאַמע, זכרונה לברכה...

(פון וואָלעדניקער רבינס מעשיות)

מיין מאַמע, זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת,
אַ וויסטע אלמנה געזעסן.
איין פרייטיק פאַרנאַכט — ס׳גליט די שקיעה אין שפּיצן פון ביימער —
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.

זי זוכט — און מיט נסים פון הימל — געפונען צוויי פּרוטות —
„ברויט אָדער ליכט?״ — מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפט, קומט צוריק — אין איר מאָגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט אויף צום בענטשן געטראָגן.

דער הימל פאַרמאַגט זיבן שטערן, דער שבת דער מאַמעס
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראַמען;
ווער גאָט דען פאַרשטערן זיין שבת? — און וואָס קאָן זי העלפן?
געלויבט פאַר די צוויי איז זיין נאָמען!

ווער בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיקן טישטעך, אָן חלה —
פאַרפוצט זיך אין הויב אין דער ברייטער;
געביטן איר קלייד און זיך מכין געווען פאַר גאָט.
פאַרן הייליקן שבת אַ גרייטע.

געצונדן די ליכט — האָט זי מער ניט געקאָנט זיך באַהערשן,
ווייל ס׳האַרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרויס מיט געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפאַלן —
איין ליכט איז געוואָרן פאַרלאָשן.

פאַרשעמט, איז דער שבת, אויף איין אויג אַ בלינדער, געשטאַנען —
די פרוי איז פאַרציטערט געבליבן:
„פאַרשעמט אַן אלמנהס אַ גאַב? אויב דיין דינסט האָט געזינדיקט,
צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן?

וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן?" — מיט אויגן פאַרמאַכטע,
פאַרדעקט מיט די הענט און פאַרביטערט,
אין פאַרקלעמטן געוויין, און אין פלאַמיקער תפילה
האָבן פלייצעס און הויב אומגעציטערט.

אין האַרץ האָבן תהומען געברויזט, די אמהות און כרובים
זיי האָבן פון האַלדז זיך געריסן —
ס'האָט די שכינה נאָך קיינמאָל געהערט און געזען,
ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.

און דאָן איז נאָך איינע אַ טרער פון צדקת געפאַלן,
אַ זודיקער פלאַם פון די גרונטן —
און טאָפּלט איז ליכטיק געוואָרן: ס'פאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן.

און ווען ס'האָט די מאַמע געעפנט די אויגן, האָט ליכט פון בראשית
פון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען —
ווייל ס'האָט זיי די שכינה געקושט. — דער זכות פון צדיקת זאָלביישטיין
אונדז און אַלע יידן. אָמן.

איבערגעזעצט פון י. י. שוואַרץ

דער וואָלעדניקער רבי — מחבר פון ספר „שארית ישראל" — איז געווען דער רבי פון ביאַליקס זיידן ר' יעקב משה זשיטאָמירער, ביי וועמען דער גרויסער דיכטער האָט זיך אויפגעכאָוועט נאָכדעם ווי ער איז פאַרבליבן אַ יתום. פון זיין זיידן, דעם חסיד, האָט ביאַליק געהערט אַ סך וואונדער-מעשיות פון וואָלעדניקער.

א. ליעסין:

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

(פּאָעמע)

אָוונט פאַר די קינות, הימלען פול מיט גאָלד,
ווי מען וואָלט דאָרט הויך פאַרגיטיקן געוואָלט.

וואַרט דער רב אין גרויסער אויפרעגונג ביים פענצטער:
ווערט דער טאָג פון קלאָג אַ טאָג פון פרייד פון שענסטער?
וועט דער זון פון דוד, אין די שוואַרצע פּיינען,
מיט די ערן־וואָלקנס, שטראַלנדיק דערשיינען?

זעט דער רב, ווי הימלען האָבן זיך צעצונדן,
פייערדיק צעגראָבן, פייערדיק צעאַקערט,
און פאַראויס, פון פלאַמען — פּורפּור אויסגעבונדן,
אַ קמיע מיט דעם שם הויה פלאַקערט;
זעט ער ריכטיק דעם מלאכים־כתב, די תגין,
קאָן די אויגן זיינע אייגענע ניט גלויבן,
ווי עס טוט אַזוי דער סופר עליון וואַגן,
צירקלען גאַנצע שיר־המעלותן פון אויבן
פלאַם־רויט אויפן הימל־פּאַרמעט אויפן בלייכן —
זאָל עס וואָס באַדייטן? זאָל עס זיין אַ צייכן,
אַז דער טאָג פון חורבן ווערט דער טאָג פון גאולה,
ווערט דער טאָג פון בנין, ווערט דער טאָג פון גדולה?

אוי, דערבאַרעמדיקער!

און אין שול דערביי, אין טרערן אויסגעווייקטע,
אין די זאָקן נאָר, אויף שטענדערס אויף צעלייגטע,
אין אבלות צו דער ערד די קעפּ גענייגטע,
וואַרטן יידן מיט די קינות אויפן רב.

און ביי זיך אין הויז, פון גרויסן צער באַנומען,
וואַרט דער רב ביים פענצטער, מוכן ומזומן,
אפשר וועט משיח טאַקע באַלד נאָך קומען,
מיט די פלאַם־וואָלקנס, אין נאַכט פון תשעה באב.

קוקט דער רבֿ, עד כלות הנפש איינגעשפּאַרט,
קוקט וואו דורכן פענצטער טיף אין זיך און וואַרט,
און וואָס פאַרכטיקער דער אָונט־הימל גליט,
אַלץ פאַרצווייפלטער צעברומט זיך זיין געמיט,
ווי ער טראַכט פון פאָלק ישראל פון דעם ליבן,
וואָס ער וויינט ביי קינות איצט צונויפגעקליבן —
אַלע יידן מיט אייך שטים אין ברויזענדער,
אויף דער גאָרער וועלט, אין שולן טויזנטער,
אומעטום, ווי מעקענע פאַרטראָגענע,
פאַר גאָטס־נאָמען אַלע טעג געשלאָגענע,
רופן פון דער נאַכט, פון וויסטעניש פון בייזער:
קומט ער, קומט דער גואל צדק, דער דערלייזער?

אוי, דערבאַרעמדיקער!

טוט דער רבֿ די אויסגעוויינטע אויגן הויבן
צו די סודותפולע לויטערקייטן אויבן
און דערזעט אַזעלכעס, וואָס עס זעט ניט יעדער:
אָפּשיינען פון שטול פון גאָט און פון די רעדער,
העכערע צירופים, שיין פון שם המפורש,
ציען קדושה פונקען, ציען אַלץ צום שורש,
רייסן זיך פון קליפּות פינצטערע און רייסן
צום געלייטערטן, צום זיבערן, צום ווייסן,
און אין מיטלפּונקט פון עולמות און צאָלן,
פעלדער און היכלות, ליכטיקע קריסטאָלן,
שיינט דער בית־המקדש, שיינט ירושלים
אין אַ שיין אַ זיבן־זוניקן, אַ נייעם.

בונטעוועט ביים רבֿ אַנטקעגן גאָט דאָס האַרץ
ווען ער זעט ווי אויף דער ערד אין שפלות־שוואַרץ —
אויבן הערלעכקייט און אונטן אַלץ פאַרשוועכט,
אַז אַ פאָלק אַ טעמפּל און אַ האַר אַן קנעכט.

אוי, דערבאַרעמדיקער!

קרעכצט ער איבער אַלע קרעכצן פון ישראל
אונטער דער פאַרפלוכטער הערשאַפט פון סמאל —
ביי דעם פּאָליאַק, ביי דעם קאָזאַק, ביי דעם טערק,

צווישן פעסלעך בראַנפן, אויף די וויסטע מערק,
בלודנע, בזויהדיקע אומגעטריבענע,
דאָך געהייליקטע און טריי־געבליבענע,
טויזנטער פון יאָרן אין די ווילדסטע שרעקן,
דאָך אין קדושה גרייט דעם האַלדז צום חלף שטרעקן,
וועלן זיי שוין זען די גאולה די געגאַרטע ?
צי זיי בלייבן ווייטער, ווייטער אָפגענאַרטע ?

אוי, דערבאַרעמדיקער !

און אין גרויס עקסטאַז, אין גבורה אין געהיימער,
טוט זיך אויס דער רב דער הייליקער פון חומר,
רייסט ער אויף די וועלטן, טרייסלט אויף די גרונטן,
מאַכט אַ גרויסע איבערקערעניש פון אונטן —
דאָ פון אונטן ! איתערותא דלתתא !
פאַר די דרי מעלה פון די דרי מטה !
און ער איז מצרף, און ער איז מכוון,
טוט אַ שטייג אַרויפצו אין אַ שוואונג אַ בראָוון,
און כהרף עין, און אַדורך געפלויגן
אַלע זיבן הימלען, ווי אַ פייל פון בויגן,
ברעכט שוין אויס אויך אויבן דער גערודער גיך —
איתערותא דלעילא ! וואונדערליך !

זעט ער, ווי מיכאל, שר פון פאָלק ישראל,
רייסט זיך שוין פון קייט פון פינצטערן סמאל,
און מלאכים פיל, געפליגלטע לעגיאָנען,
און נשמות פון די קדושים אין מיליאָנען,
ווי זיי שיינען מיט די פיינען אין די בלוטן —
אַלע שטורעמען די מחנות פון ניט־גוטן,
לויכטן אויפגעעפנט אַלע קדושה־רערן
און עס קאָנען שוין די קליפות זיך ניט ווערן,
נאָך אַ ווייל, און מיטן שטן איז שוין אויס —
אוי, איר אָבות, איר אמהות, העלפט אַרויס !
פאַטשט דער רב אין גרויס התלהבות מיט די הענט,
ווי ער בעט זיך, ווי ער טופעט, ווי ער ברענט :
אוי, דערבאַרעמדיקער !

וואַרט מיט שרעק דער שמש לאַנג אין טיר און זעט,
ביז ער טוט אַ זאָג: עס איז שוין, רבי, שפּעט.

און דער רב דערפילט ביים שטילן רוף פון שמש,
ווי ער פאַלט אַרונטער אין אַן אָפּגרונט ממש,
און זיין ברענענדיקער בליק, זיין עקזאַלטירטער,
לעשט זיך אויס, אַ בלאַנדזשענדיקער, אַ פאַרווירטער.

ווי פון הימל שווינדן פּלוצלונג די עליונים
און ער זעט פאַר זיך ניט אין די הויכן קיינעם.
אַלץ איז אויסגעלאָשן, ניט קיין שטראַל קיין מינדסטער,
וואָלקנס שווערע, לערע, פינצטער, פינצטער, פינצטער!
און עס בלייבט רק אומגליק, און עס בלייבט רק וויסט,
און די פאַרכטיקע תחבולה איז אומזיסט;
מלכות וואָס איז שכינה און די צענטע ספירה,
ליגט דאָך אויך און פינצטערט אין די הימלען אירע;
אויך דער כביכול, אין זיין צער זיין שווערן,
טרויערט, ווי אַן אָבל, און ער וויינט מיט טרערן;
גלות אונטן, אויבן, חורבן אומעטום,
טראָגט דורך אַלע וועלטן יאָמערלעך גאָטס ברום:
וויי די קינדער, וואָס דער פאָטער האָט פאַרטריבן!
וויי דעם פאָטער, וואָס ער איז אַליין פאַרבליבן!

און באַגאָסן מיט אַ שוויס פון גרויסן פּיין,
טוט דער רב זיך באַלד אַ וואָרף אין שול אַריין,
און עס נעמט דער גאַנצער עולם ציטערן,
ווי ער שלוכצט אין געוויין אין ביטערן:
איכה ישבה בדד!

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער גרויסער ליבהאָבער פון „פאָלק ישראל״, דער שטאָלצער מאָנער ביים רבונו של עולם פאַר די קריוודער און צרות פון „פאָלק ישראל״, איז געווען ניט נאָר אַ רבי, נאָר אַ רב. כאָטש איינער פון די הויפּט-זיילן פון חסידיזם, איז ער, צוליב דעם צויבער פון זיין פּערזענלעכקייט, געווען אָנ-גענומען אויך אין די לומדישע קרייזן, ווי אַ באַדייטנדער רב. איך שילדער אים דעריבער אין מיין פאָעמע ווי אַ רב און ניט קיין רבי.

איך געדענק ווי מיין פאָטער, ניט קיין חסיד, פלעגט רעדן וועגן אים מיט באַ-גייסטערונג, פלעגט זינגען די נגונים און דערציילן וועגן אים מעשהלעך. כאַראַק-

טעריסטיש איז די מעשהלע, ווי ער האָט מלמד זכות געווען אויפן בעל-עגלה, וואָס האָט געשמירט די רעדער אין טלית און תפילין: „וואָס פאַר אַ טייער פאָלק יידן זיינען, אַז אפילו בשעת זיי שמירן די רעדער, טראָגן זיי טלית און תפילין."

ר' לוי יצחק איז געשטאָרבן אין יאָר 1809, דאָך ווערן זיינע ניגונים עד היום פון די יידישע מאַסן אומעטום געזונגען. איך געדענק, ווי קינדווייז האָט מיך גע-צויגן זיין „מאירקע מיין זון" מיט דער פאַראייניקונג פון פאָרכטיקן „מלך מלכי המלכים" מיטן צאַרטן, פאַלקסטימלעכן טאַטעניו": „לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו!"

און זיין „דודו", וואו דער חסידישער פאַנטאַזיעם געפינט זיין שענסטן אויס-דרוק, קאָן נאָך עד היום קיין מענטש מיט אַ רעליגיעזער נשמה אָן אַ ציטער ניט הערן. זיין „דודו", דענק איך, איז געווים אינספּירירט געווען פון ר' יהודה הלוים פאָלגענדע צוויי שורות:

יה, אנא אמצאך? מקומך נעלה ונעלם!
ואנה לא אמצאך? כבודך מלא עולם!

און ווי פשוט, ווי טאַלאַנטפול און ווי וואונדערלעך די באַאַרבעטונג איז אַרויס-געקומען — אַזוי פאַלקסטימלעך און אַזוי געהויבן!

וואָס האָט אַזאַ פּערזאָן, ווי ר' לוי יצחק, איבערגעלעבט אין תשעה באב? דאָס איז די פּראָבלעם פון מיין פאָעמע, געבויט אויף אַ מעשהלע, וואָס ווערט וועגן אים דערציילט. און עפּעס ענלעכס איז געווים מיט אים פאָרגעקומען. לויט אַ מאמר אין גמרא, דאַרף משיח קומען אין תשעה באב. און דער טאָג פון חורבן איז געווען פאַר פיל פון די עקזאַלטירטע קאַבאַליסטן אַ טאָג פון גרויסע דערוואַרטונגען און ביטערע אַנטוישונגען.

טאָגין (תגין) — אָרנאַמענט-שטריכן איבער די אותיות.

איתערותא דלתתא (איטאַרוסאַ דילטאַטאַ) — די אויפוועקונג (פון גייסט), די אויפרודערונג אונטן.

איתערותא דלעילא (איטאַרוסאַ דילײלאַ) — די אויפוועקונג, אויפרודערונג אויבן.

א. ליעסין.

דער נסתר:

די תפילה פון אַ בראַסלאַווער חסיד

אנא השם, כ'בעט דיך הייליקער נאָמען, פאַרגיב און זיי מוחל —
די זינד פונעם גאַנצן כלל, ובתוכם אויך פון דעם און דעם,
וואָס וואָס איז ער — אַ נישט, אַ ווערעמל.
און אויב אַפילו נישט קיין נישט — אַ מענטש,
איז אָבער דאָך אויך נישט מער, ווי אַ מענטש, וואָס דו ווייסט,
אַז ס'איז קיין איין צדיק פון צווישן זיי אויף דער וועלט ניטאָ,
וואָס זאָל פאַר דיר ניט זינדיקן.
דערמאָן זיך אין דיין באַגלייבטן פאַסטוך, משהן, — — —
דערמאָן זיך אויך די נפילים — דיינע ריין־אַראָפּגעפאַלענע
מלאכים, וואָס אַז זיי זיינען אויף דער ערד געקומען,
האָבן זיי דערזען אַז די טעכטער פון דער ערד זיינען שיין . . .
דערמאָן זיך, פאַרגיב און זיי מוחל.

די תפילה איז פונעם צוויטן טייל פונעם ראָמאַן „משפחה מאַשבער" — זעם נסתרס עפּאָפּייע, וואו בראַסלאַווער חסידות געפינט אַ קינסטלערישן תיקון. דער ערשטער טייל איז דערשינען אין מאָסקווע 1938 און אין פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק, 1943.

זישא לאַנדוי:

בעל שם טוב

איז דער הייליקער בעל שם־טוב אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינעם קאַלטן געגאַנגען.
עס האָבן פון צפון געבלאָזן די ווינטן,
קאַלט און פראָסטיק האָבן געבלאָזן די ווינטן,
אַז ס'האָבן גענומען אים פרירן די גלידער,
און ס'האָט מיט פאַרפראָרענע גלידער
דער הייליקער בעל שם־טוב געעפנט די לעפצן
און האָט אויפן קול זיך צעזונגען.
אַזוי האָבן זיינע געעפנטע לעפצן
געזונגען, געזונגען, געזונגען:

„אַז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געווען
דיין ווינט זאָל אַמאָל אים באַרירן,
אַז וואויל איז צו מיר און אַז וואויל איז און וואויל,
אַז וואויל איז און וואויל איז און וואויל.“

און דורשטיק די פּראַסטיקע לופט אַלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פאַרזונקען.

און ביסלעכווייז איז אינעם הימל אַרויס
אַ זון אַזוי פלאַמיק און גרויס,
און ווי אין גיהנום געוואָרן איז הייס,
פון פּנים גערונען האָט טראָפּנווייס שווייס,
און ס'האָט אינעם ברענענדן פעלד
קיין ווינטל צומאָל ניט געווייט.

נאָר פלוצים האָט זיך דורכן ברענענדן פעלד
דאָס קול פון בעל שם־טוב צעשפּרייט;
דאָס האָט דער בעל שם־טוב געזונגען,
אַ לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטן און היצן, פאַר זון און פאַר רעגן,
פאַר טאָג און פאַר נאַכט — דיר אַ לויב!

פאַר אַלעס, וואָס דו שיקסט דעם מענטשן אַנטקעגן,
אַ לויב דיר, אַ לויב דיר, אַ לויב!
און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט
פון פייערן דיינע פאַרברענט.
און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט,
צו פאַלן פון דאַרשטיקייט איצט אויף דיין ערד,
ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
און וואויל איז און וואויל איז און וואויל.“

זישא לאַנדוי איז געווען אַן אייניקל פון פּוילישן חסידישן רבין ר' וואָלף סטריקאָווער, אַ זון פון ר' אברהמעלע טשעכאַנאָווער. לאַנדוי האָט אויך לידער וועגן זיין טשעכאַנאָווער זיידן און דער „סטריקאָווער רביצין“, וועגן ר' אלימלך ליזענסקער און ר' נפתלי ראָפּשיצער.

מנחם באַרײַשאַ:

ר׳ גרשון קיטעווער

ביי ר׳ גרשון קיטעווער פאַרן בית־דין טיש
זיצן באַלעבאַטים מיט אַ לאַדעניש.

לייגן אויס די טענות, טומלען באַלעבאַטים,
און ר׳ גרשון קיטעווער טראַכט אַלץ וועגן טאַטן.

וואָס איז דאָרט געשען אַזוינס און ווער איז דער ישראל —
דער טאַטע פאַרן טויט זאָל מיט אים שרייבן תנאים?

גלאַט אַזוי ישראל, נישט רב און נישט מורנו!
ווי האָט ער פאַרקנסט די טאָכטער צו אַזוינעם?

עפנט זיך די טיר און פאַר די אויגן שטעלט זיך
עפּעס אַ בר נש אין אַ צעריסן פעלצל.

ברעמען צו דער ערד און טרוקן ווי אַ באַקסער —
שטייט ער ביים אַשאַק אַזוי ווי צוגעוואַקסן.

הייבט זיך אויף ר׳ גרשון אַ פרוטה צוצוטראָגן,
רוימט אים איין דער אורח: — איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן.

— אַז איר דאַרפט, טאָ זאָגט! — ס׳איז נאָר צווישן אונדזביידן.
פירט ער אים אַריין אין אַ באַזונדער חדר.

יענער קריכט אין בוזעם, שלעפּט אַרויס די תנאים:
כ׳קום אָפּנעמען דאָס ווייב, מיין נאָמען איז ישראל.

קוים מען האָט דערמינטערט דעם דיין פון חלשות —
טאַטע אין גן־עדן, וואָס קומט מיר אַזאַ בושה?

קלאָגט ער אויף דער שוועסטער; ווי ווערט מען פון אים פּטור?
נאָר זי טענהט: מתים האָבן נישט חרטה.

און מע שטעלט אַ חופּה און ר׳ גרשון נעבעך
זעצט זיך מיטן שוואָגער קנעלן ווי אַ רבי.

נאָר דער קאָפּ איז טעמפּ, ווי ביי אַ גוי להבדיל,
קוים ער רעדט אַרויס די ווערטער פונעם דאַוונען.

גייט אַוועק די שוועסטער גראָבן ליים פון גריבער,
זיבן יאָר אַריבער און דער מאַן אַלץ ליבער.

זעט מען דאָך בפירוש: ס׳איז פון גאָט אַ קללה,
— זאָל ער שוין דאָ זיין ביי מיר אַ בעל־עגלה!

שפּאַנט ער פערד און וואָגן און פאַרקריכט אין בלאָטע,
אַז ס׳איז גאָר קיין מענטש נישט, נאָר אַ ווילדער טאָטער!

— איצט בין איך שוין יוצא פאַר גאָט און פאַר דער וועלט,
גיי דיר וואו דו ווילסט מיט אים און לעב ווי דיר געפעלט.

אין אַ טאָג אַ זומערדיקן רודערט זיך אין בראָד,
ס׳גייט אַ גוטן יידן באַגעגענען די שטאָט.

עפּעס האָט אים איינער אין אַ וואַלד געפונען,
און זיין תורה — זאָגט מען — לייכט ווי זיבן זונען.

פון אַ וויטן וועג און אין אַזעלכע היצן —
פלעכט מען אים פון צווייגן אויס אַ שטול צום זיצן.

נעמט ער זאָגן תורה — פּראָסטע גוטע רייד,
גיסט זיך עס אין האַרץ מיט ליבשאַפט און מיט פרייד.

הערט אַ רעש ר׳ גרשון, זעט אַ מחנה קומען —
נאַ דיר שמחת תורה גאָר אין מיטן זומער!

נאָר ווער זיצט עס אויבן אין דער שטול געטראָגן?
טאַטע אין גן־עדן! ס׳איז דאָך ער, דער שוואָגער!

און ער הערט די תורה, פּראָסטע, גוטע רייד
גיסן זיך אין הערצער מיט ליבשאַפט און מיט פרייד.

און ר׳ גרשון דיין טאַנצט אין מיטן שטאָט
מיט אַלע בעל־עגלות און קאַוואַליעס פון בראָד.

ר׳ גרשון קיטעווער איז געווען דעם בעל שם־טובס שוואָגער. ער איז קודם געווען זיין שאַרפסטער מתנגד, נאָכדעם געשיקט געוואָרן פון בעש״ט אַליין צו פאַר־שפּרייטן חסידות אין ארץ־ישראל.

ה. לייוויק:

אָפּענע הימלען

אָפּענע הימלען,
וואַכיקע וועלדער, —
דער שליאַך גייט פאַרביי
און פאַרדרייט זיך,
און נידערט אַרונטער.
דער שליאַך גייט פאַרביי
און פאַרטיפט זיך
אין הייאיקע פעלדער.
דאָס היי ליגט געשניטן,
און עס שיכורט זיין ריח,
און ס'ווילט זיך ס'זאָל קומען
אַ מענטש אַנטקעגן.
ווער?
אַ מענטש זאָל קומען אַנטקעגן.
ווער?
און ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל:
ווער?
אַזאַ מין געזאַנג נעמט זיך זינגען:
ווער — ווער — —
געזאַנג פון הענט,
געזאַנג פון טריט,
געזאַנג פון טראַכטן און וועלן,
אַז דו זאָלסט קומען אַנטקעגן, —
ווער?
דו זאָלסט קומען אַנטקעגן. —
דו,
און ווידער און נאָכאַמאָל —
דו,
אַזוי ווי עס זינגט דאָס פאָלק:
דו — דו —
אין לוי באַרדיטשעווערס ליד:
דו — דו —

איצטער איז אָונט,
מסתמא איז אָונט אויך דעמאָלט געווען,
געשניטן פעלד. —
מסתמא איז דעמאָלט אויך שניטצייט געווען,
פעלד געווען,
אָונט געווען.
ליד געווען.
דו.
דו.
געווען.
ביסט.
זאָלסט אייביק זיין.

י. י. שוואַרץ:

ר׳ נחמן בראַצלאָווער אין איסטאַמבול אויפן וועג קיין ארץ־ישראל

(באַלאַדע)

די אָקרעגנטן פון וועלטס אַלע ים׳ען
האָבן אָנגעבראַכט סחורה אין האָפן:
באַלן סאַמעט און זיידנס, וואָס פלאַמען,
פּאַפּוגייען און אַפּן און שקלאַפן.

שמעקט מיט אויסטערליש־וויטע מדינות
אינעם הייסן געדראַנג און אין ליאַרעם;
און פאַרשלייערטע שלאַנקע שקלאַפינעס
ליציטירט ווערן דאָ פאַרן האַרעם.

ליגט דער ים אַ צעשטראַלטער, בלוי־גרינער,
און די זון איבער ים איז צעפלאַקערט;
און ר׳ נחמן — אַ הויכער, אַ דינער —
לויפט אין האָפן אום באָרוועס, האַלב־נאַקעט.

ער האָט ערגעץ זיין היטל פאַרלוירן —
באָרד־און־פּאות צעשויבערט, צעפלויגן;
און זיין העמד איז צעפליקט און צעפאָרן —
מיט אַ שטריק אויף די לענדן פאַרצויגן.

ס'האָט אַ יונג מיט אַ שטיין אים געטראָפן—
רינט אַ ריטשקעלע בלוט פון זיין שטערן;
און די ליכטיקע אויגן ווייט אָפן
מיט געלייטערטן צער און דורך טרערן.

נאָר די חדוה שטייגט איבער דעם ווייטיק,
און עס עפענען זיך אַלע קוואַלן —
שלאָגט דאָס האַרץ אַזוי האָפּערדיק־פריידיק,
און עס טוט, ווי דער ים, זיך צעכוואַליען.

און עס זינגען געזאַנג אַלע גלידער,
און די פיס — ניט זיי גייען, נאָר שוועבן;
און דאָס האַרץ פון דער וועלט לעכצט אין ציטער
נאָכן אייביקן קוואַל, וואָס גיט לעבן.

„אַכטי, יה, רבון עולם־ועלמיה!"
צווישן טריפהנע קולות און קלאַנגען.
ווי אַמאָל איז מיין קנעכט ישעיה
נאַקעט און באָרוועס געגאַנגען.

י. י. סיגאַל:

והחסידות

והחסידות, און דאָס חסידות זאָגט:
מיין בעל שם־טוב איז אַ פּשוטער ייד,
האָט ער ליב געהאַט די גאַנצע וועלט
און אַלצדינג וואָס איז נאָר דאָ אויף איר.
און אין דער פרייד וואָס יעדער טאָג איז דאָ אַ וועלט
און יעדער אינדערפרי קאָן ער דערזען די וועלט,
און גיין אין גאַס און זיך באַגעגענען
מיט יידן און מיט יידענעס,
מיט גויים און מיט גויעטעס.

און אַלע שטיבער זיינען לעבעדיק,
און אַלע שולן דאַווענען צו גאָט, —
האָט ער אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער זייט פון גאַס,
די אויגן אויפגעהויבן אין דער הויך
און אַזוי צעזאָגט זיך און געזאָגט:
אוי, גאָט, גאָט, טאַטע אונדזערער,
קיין מדינה האָבן מיר ניט,
קיין בית־המקדש אויכעט ניט,
אָבער די וועלט האָבן מיר דאָך יאָ,
איז די וועלט דיינע דען ניט דיין וועלט,
איז די וועלט דיינע ניט אונדזער וועלט?
און אַז קיין בית־המקדש האָבן מיר ניט,
האָבן מיר קליינע בית־המדרשלעך,
גיב־זשע, גיב־זשע דו אַליין אַ קוק,
פאַר טשיקאַוועס טו אַליין אַ קוק,
ווי פרי די יידן דיינע איילן זיך
צום ערשטן מנין אין די שולעכלעך,
אַז מיין האַרץ ווערט פול מיט פרייד,
און מיין נשמה גייט אַריבער פון לויב,
אוי גאָט, גאָט, טאַטע אונדזערער,
קום, לאָמיר גיין איבער שטאָט און שטעט,
קום, לאָמיר גיין הינטער שטוב און שטאָט,
און דערציילן עס פאַר וואַלד און פעלד,
און צעזינגען עס פאַר טייך און קוואַל.
לאָמיר גיין איבער גאָר דער וועלט
און דערציילן עס פאַר לאַנד און לייט,
און אַ פרייד וועט זיין אויף גאָר דער וועלט
און אַ יום־טוב אויף דער גאַנצער ערד.

והחסידות,
און דאָס חסידות זאָגט,

איציק מאַנגער:

סאַנקט בעש״ט

זיצט דער בעל שם קעגן מיטן נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
„די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש וואָס גייט אַליין
באַרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט.״

ער הויבט זיך אויף און בלייבט פלוצים שטיין:
אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין.
ווער וויינט ביינאַכט, ווער וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט,
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט.״

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפל אויפן ווינט.

עפנט דער בעל־שם די טיר און גייט
געוואויר צו ווערן, ווער ס׳שטערט די פרייד,
די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.
אַט דרימלט די שטאָט, אַט דרימלט דער טייך,
אַט דרימלט דאָס פעלד.
ווער זשע וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט?
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע, און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט.״

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואָרפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

הויבט דער בעל־שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,
זעט ער אַ גראָע כמאַרע, וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט,
בלייבט דער בעל־שם אַ רגע שטיין
און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין.

דערנאָך הויבט ער אויף די ליכטיקע האַנט
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט,
און ווישט די גראָע כמאַרע אַוועק.
פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט
אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט.
שמייכלט דער בעל־שם: „דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו.“

מיט שטילע טריט גייט ער דאַן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויפן שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל־טרעל,
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפּן זון.
און איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:

„דאָס געוויין פון אַ ווערעמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו,
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!“

און אַ ליכטיקער טראָפּן פאַלט אויף זיין האַנט
און קייקלט זיך אַראָפּ איבער זיין געוואַנט.

אין איציק מאַנגערס באַלאַדן זיינען דאָ קאַטוילישע מאָטיוון. דערפון נעמט זיך אַזאַ פרעמד־יידישער אויסדרוק ווי „סאַנקט בעש״ט“, ווי „סאַנקט פראַנציסקוס“. דער מאָטיוו איז אָבער דורכאויס אַ בעש״טישער.

אליעזר שטיינבאַרג:

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און די מוטער רחל

רחל:

גאָט זיין פּנים האָט פאַרשטעלט,
די נאַכט הילט איין די וועלט,
וואָס די נאַכט באַהאַלט אין שויס,
זאָגט זי קיינעם נישט אויס.

פליט אַ שטערנדל אַרויס,
קומט דער ווינט און לעשט עס אויס,
גאָט, קומט דער ווינט און לעשט עס אויס,
קומט דער ווינט און לעשט עס אויס.

גייט אַ יתומל אַ קינד,
קלאָגט עס, וויינט עס מיטן ווינט,
גאָט, ווייז אַ וועג מיין אָרעם קינד,
ווייז אַ וועג מיין אָרעם קינד.

ר׳ לוי יצחק:

מאַמע, מאַמע, ליבהאַרציקע מאַמע,
איך האָב דיך דערקענט אין דיין קול, דעם זיסן,
וואָס ווי אַ קוואַל, אוי, דיין אויג טוט פליסן.
וועסטו מיר זאָגן, צי מעג איך דאָס וויסן, —
וואָס אין דער פינצטער דיין טרער טוסטו גיסן.

רחל:

אוי, ווי אַזוי זאָל מיין אויג נישט טרערן,
חושך שלינגט עס איין ווי אַ שטערן,
און מיין קינד בלאָנדזשעט און ווייס נישט קיין וועג.

ר׳ לוי יצחק:

מאַמע, מאַמע, ליבהאַרציקע מאַמע,
גאָט האָט געזאָגט און ער וועט זיין וואָרט האַלטן:
הבן יקיר לי אפרים, האם ילד שעשועים,
על כן המו מעי לו,
רחם ארחמנו נאום ה׳.

אַ פראַגמענט פון אַ קינדער-שפּיל, וואָס דער דיכטער און פּאַבעליסט אליעזר שטיינבאַרג האָט אָנגעשריבן. (זע „יידישע קולטור”, יוני-יולי 1944.)

דער אינהאַלט פון דער שפּיל: ר׳ לוי יצחק לאָזט זיך אַראָפּ פון די הויכע עולמות רופן יידן צו סליחות. אויפן וועג טרעפט ער זיך מיט דער מוטער רחל און זיי טענהן זיך אוים.

מ. באַסין:

געוויין

אַז ר׳ ישראל בעל שם־טוב
האָט זיך גיין געלאָזן צו גאָטס מזרח,
האָט אַ גרויס געוויין דערהערט זיך פונעם מערב.
איז ער שטיין געבליבן:
גאָטעניו, דו ביסט דאָך אומעטום —
וואָס וויינט דער מערב?

אַז ר׳ ישראל בעל שם־טוב
האָט גענומען תורה זאָגן מיט די גראָזן,
האָט אַ גרויס געוויין דערהערט זיך פון די וועגן.
איז ער אויפגעשטאַנען:
גאָטעניו, דיין וועלט און דיין ישראל —
וואָס וויינען דיינע וועגן?

ז. ווײנפּער:

ר׳ אברהמעלע טריסקער

אַז ר׳ אברהמעלע טריסקער איז אַ בן־שבעים געוואָרן
האָט ער צו זײַנע חסידים געזאָגט אַזוי צו זאָגן:
— דער חוב פון קודשא־בריך־הוא איז מיר געגעבן געוואָרן,
און איצט וועל איך מײַנע טעג, ווי מתנות שוין טראָגן.

און נאָך האָט ר׳ אברהמעלע טריסקער געזאָגט: — שבעים שנה
איז חוב, וואָס קודשא־בריך־הוא קומט דעם מענטשן,
און מער איז פון זײַן ליבן נאָמען שוין בלויז אַ מתנה
מיט וועלכער עס איז נישט כדאַי זיך צו בענטשן.

די עלטער? מע! — נאָר אַז זי איז דאָ, איז מהיכא תיתי,
און אַן עבירה אַ גרויסע זי נישט הערלעך צו האַלטן, —
ר׳ אברהמעלע טריסקער פלעגט זיך קילן אין טעג, אין די הייסע,
און טראָגן אַ וואַרעמען פעלץ אין אַ טאָג, אין אַ קאַלטן.

דאָס לעבן איז קודשא־בריך־הואס, דער מענטש בלויז דער שומר,
באַדאַרף ער באַהיטן און היטן דאָס לעבן, —
היט אָפּ די נשמה און היט אָפּ דעם חומר,
ווײַל בײדע פון קודשא־בריך־הוא געגעבן.

אַזוי פלעגט ער זאָגן, און אין גופל דעם קלײנעם
געטראָגן האָט ער מיט ליבשאַפט און פרייד זײַנע עלטערע יאָרן,
ביז אײנמאָל, נישט באַמערקט גאָר פון קײנעם,
איז ער, ווי אַ שבת־ליכט, פאַרלאָשן געוואָרן.

ר׳ אברהמעלע טריסקער — פון די זײַלן פון וואָלינער חסידות. אַ זון פונעם טשערנאָבילער מגיד.

דער דיכטער ז. ווײנפּער איז אַ געבוירענער אַ טריסקער און זײַן פאָטער איז געווען חזן אין טריסקער רבינס הויף.

יעקב גלאַטשטיין:

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

אַמאָל דוכט זיך מיר, כ׳האָב עס אַלץ אויף דער האַנט,
און מיטאַמאָל גיט זיך עס אַ פאַרהויל און אַ פאַרמאַך.
פאַרשטייסט, נתן, מיר איז אַ פּלא גאָר אַ סך.
כ׳וויל דאָס מויל נישט צוזאַמענפירן מיטן אייגענעם אויער.
מיר וואַרפן אַרויף אויף דעם בן־אדם אַ דרימלעניש.
מען ווייזט אים די ערד אונטן
און העט־אויבן אַ פאַרכטיק הימלעניש.
אָבער אינצווישן איז דאָך אויך עפּעס פאַראַן,
כ׳ווייס, מען רופט דאָס, דוכט זיך, לעבן.
ערגעץ גלוסט אַ פרוי און ס׳פריידיקט
פון וואַרעמער באַהעלטעניש דאָס אָפּ׳קול פון אַ מאַן.
נאָר טאָמער נעמט זיך עס אַזוי אין מיר וועבן,
באַפאַלט מיך אַ פּחד און איך זאָג:
זעסט יענעם שקאָץ, יענעם געדאַנק,
שלאָג אים מכות רצח, יאָג אים, פאַרטרייב.

נתן, פאַרשרייב.

למשל, נעם דעם יצר טוב — אַ שיינער מחותן,
אַן אָנגעלייגטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.
פרומע יידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פאַסט ביי זיי תעניתים.
ער חלשט נאָך אַ לעפל וואַרעם געקעכץ.
און וואָס איז דען אויסן דער יצר־הרע?
חדוה. באַשייד פון פרייד. טרייסט געיערט פון טרויער.
געוועזן פון אַליין פאַרצוויט.
איינזאַמע דורות פון פאַרגיין
פאַרמערט אין אייביקן דויער.
וואָס איז ער דען נעבעך אויסן, דער יצר־הרע?
גוף. לייב.

נתן, פאַרשרייב.

ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש״י וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף.
מיינסט, ס׳איז פאַראַן קנאַפּ געזאַנג אין אַזאַ בענקשאַפט?
און דאָס איז דאָך ס׳ביסעלע תענוג, משטיינס געזאָגט,
צווישן הימל און ערד,
ביז מען לייגט שערבלעך אויף די אויגן.
דאָס איז דאָך דער טייערער ניגון פון אַ האַרציקן מה־יפית.
דו ווייסט גאַנץ גוט ווי אויסגעמאַרעט מיין גוף איז,
נאָר סוויינט מיר דאָס האַרץ פאַרן ביסל פאַרגענאַכעס.
יצר־הרע מיינט דאָך יחוד אין צוזאַמען —
וואונדערלעכער צו־להכעיס.
ס׳מיינט אַ געציטערט וואָרט,
פייער און פלאַמען אין גאָטס געפּלעכט פון צווייַ.
ס׳מיינט ווייב.

נתן, פאַרשרייב.

כ׳מיין, ס׳איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס׳איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס׳קען נאָך, חלילה, ווערן אַ פאַרמיש.
נו, וועט מען שרייען, וויל ער אפשר,
מתיר זיין אַן אשת איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס׳רייסט מיר ס׳האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כוח, געמעכץ,
און ס׳איז דאָך געזאַנג,
און ס׳איז דאָך געוויין און סוד פון שטאַם,
און דאָס איז דאָך דער תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד — גליד פון הייליקן פלאַם
און דאָס ליכט פון אירס און זיינס וואָס ווערט איין.

נתן, ביסט נעבעך מיד, ס׳קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט איבער מיט מיינע רעיונות אַליין,
וואָך מיט מיר, פאַרבלייב.

נתן, פאַרשרייב.

דעם בראַצלאַווערס סופר ר׳ נתן נעמיראָווער איז געווען דער אַפּאָסטאָל פון בראַצלאַווער חסידות. ער האָט פאַרשריבן זיין רבינס תורהס און זיינע באַוואוסטע „מעשיות״.

אהרן צייטלין:

פּאַוועל און שניאור־זלמן

אין פּעטער־פּאַול פעסטונג, אין דער תפיסה פון די צאַרן,
רויכערט זיך אַ פינצטער לעמפּל אויף אַ נאַסער וואַנט.
שאָטנס קוקן קרום מיט שפּיצל אויגן פון זשאַנדאַרן,
אויף דער הוילער ערד — אַ ייד אַן אַרעסטאַנט.

ס׳איז שניאור־זלמן פון ליאַדי. מסירה האָט אין קייטן אים געשמידט.
מתנגדות האָט אַהער אַריינגעוואָרפן אים, דעם תלמיד פון דעם מגיד *)
אָט בליצט עס נאָך אין ווינקל דאָרט, דאָס אויג פון פינסקער מסור דעם מתנגד,
נאָר גאָרנישט שטערט די גאָט־פאַרהאַרכטע רו פון זיין געמיט.
פאַרטיפן טוט ער זיך אין גאָט, אָט ווי די פעלדער פון דעם ווייסן,
שטיל־וואָלקנדיקן, שטרענג־פאַרטראַכטן רייסן,
זאָל פילדערן דער שטן און זאָל עשו זיין אַ כעסן...
וואויל דעם, וואָס האָט קיין צאָרן און קיין עצבות נישט געהאַט!
דער עיקר איז מחשבה, ווייסע, דינע,
דער עיקר איז חב״ד.

. . . וואַקלט זיך אַריין צאַר פּאַוול אין דער טיר.
דאַכט זיך: אָט — און ער וועט נעמען גיין אויף אַלע פיר
ווי אַמאָל נבוכדנצר.
זעלמאַן באָרוכאָוויטש . . . זעלמאַן . . . — רעדט ער אַן אַ זייט. —
אין די פּאַפּירן שטייט, אַז דיינע לייט
האַלטן פאַר אַ מאַן אַ געטלעכן דיר, זעלמאַן . . .

*) ר׳ בער פון מעזעריטש.

ווייס איך: ביזט אַ שווינדלער און אַ כישוף־מאַכער! וואָט!
נאָר ביזטו יאָ אַ מאַן פון גאָט —
זאָג מיר דו, אַ שטייגער, אָן אַ זייגער,
זאָג אָקאָרשט, ווי שפּעט ס'איז . . . קערסט דאָך וויסן . . .
וויסטו נישט, דו הונט — דו ווערסט געשמיסן
און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט!

שניאור־זלמן קוקט און פאַרכט. נאָר רוסלאַנדס צאַר
קוקט מיט טויט־אַנגסט און מיט חשד.
— דאָ איז נאַכט, — זאָגט שניאור־זלמן, — נאָר איך ווייס: ס'איז טאָג.
און צוויי אַזייגער איז מיט כך־וכך מינוטן.
— פאַרשיווער איינער . . . זעלמאַן . . . האָסט ביי זיך אַ זייגער!
כ'וועל שמייסן . . . בלוט וועט גיין! גיב אָפּ מיט גוטן!
— מיין זייגער איז אין מיר . . . פון אינעווייניק ווייס איך . . .
— דו ליגנער איינער! זעלמאַן! דו פאַרפירער!
דעם זייגער ווייזן, סוואָלאַטש! הענגען הייס איך!
— ס'איז אין מיר מיין זייגער . . . ס'איז אין מיר ער . . .
צירופים צוועלף פון שם הויה לייכטן מיר בייטאָג,
און ס'לויכטן מיר צירופים צוועלף פון אַדוישעם *)
ביינאַכט . . . און וועדליק די צירופים ווייס איך און איך זאָג
די שעה'ען און מינוטן . . . און געלויבט השם —
כ'קאָן וויסן אויך דעם טאָג, ווען מיינע קייטן פאַלן . . .
ווי ראָסע וועט אויף רייסן זיך אַראָפּלאָזן מיין וואָרט . . .
און כ'קאָן דיר זאָגן, אויב דו ביזט אַ בעלן,
ווען ס'פאַלט דיין קאָפּ . . .

— מאָרד! מאָרד! —
שרייט אויס דער צאַר. — ווער וועט מיך טויטן? — זיי!
די לייט דיינע, די מקורבים!
אַ געשריי —

און דער וואָנזיניקער, שרפהדיקער קאָפּ פון צאַר,
ווי צוגעקוועטשט מיט בלייענע געוויכטער,
לאָזט זיך אַראָפּ . . . און זע: פאַר שרעק פאַרקריכט ער
צווישן די אַקסלען — און בלייבט ליגן שטאַר.

---

*) שם הויה און אַדוישעם — יהוה און אדני.

צום בראַנפּן־ריח מישט זיך צו אַ האַרבער ריח פון בית־עלמין.
פּאַוול גייט אַרויס —
און ס׳שאָקלט מיטן קאָפּ נאָך אים רב שניאור־זלמן.

ווערט ווידער שטיל — און רעדלעך פון צירופים
דרייען זיך אין אים ווי שרייפלעך זייגערדיקע.
דרייט זיך אָן אַ זייט אַ רעדל, שטילער, בלויער.
ווי אַלע, קוקט אים אָן מיט בליקן העלע און סניגורדיקע,
דער צירוף לייגט זיך ליכטיק אויס און גלאַט:
— יוד טית כסלו, תקנ״ט.

פּאַוול האָט געהערשט אין דער צייט, ווען דער בעל-התניא איז געזעסן אין פּעטער-בורגער תפיסה.
יוד טית כסלו, תקנ״ט — 19 טאָג אין חודש כסלו, דער טאָג ווען ר׳ שניאור זלמן איז באַפרייט געוואָרן און דער יאָרצייט פון ר׳ בער מעזעריטשער, איז ביי חב״דער חסידים אַ יום-טוב.

חיים קרול:

מיין טאַטע דערציילט

מיין טאַטע דערציילט:
כ׳בין ביים גאָסטינינער צדיק.
ווי נאָר ער לייענט דאָס אויפגעשריבענע קוויטל
רייכט ער מיר באַלד די האַנט:
דאָס זענט איר?
זעצט זיך.
און ער רוקט אויף ס׳טאַרבעלע וואָס איז
ביי אים אויפן טיש געלעגן פּאָר נדבות
און שטופּט מיר אַריין פינף רובל
און געזעגנט זיך מיט מיר:
— פאָרט מיר לחיים ולשלום
און זייט מצליח. —
און אייביק האָב איך מצליח געווען.

„דער גאָסטינינער צדיק״ — ר׳ יחיאל מאיר גאָסטינינער, אַ פאַרהייליקטע עניוותדיקע געשטאַלט אין פּוילישן חסידות. אַ תלמיד פון באַרימטן פאַרמוחטן קאָצקער רבין.

מלכה לי:

מיין יחוס־בריוו

מיין יחוס־בריוו קייטלט זיך דורך דורות.
איך וועל אָנהויבן, מיין קינד, פונעם שורש.
ווער איז געווען מיין עלטער־עלטער־זיידע?
אברהם, וואָס האָט געפירט יצחקן צו דער עקדה.
מיינע עלטער־מאַמעס — שרה, רבקה, רחל, לאה.
רחל האָט געהאַט ביי יעקב אָבינו די דעה...
זי האָט ביים קוואַל געפיטערט שאָף און רינדער,
און געקלאָגט אויף אירע ניט־געבוירענע קינדער.
און יעקב האָט געדינט פאַר רחלען צוויי מאָל זיבן.
לאה, ווי אַ ווייב, האָט געליטן און געשוויגן...
און עמוס איז געווען מיין שטרענגער פעטער,
מיט אַ שטעקן געיאָגט די טריט פון די פאַררעטער.
און רות האָט זיך אין אַ לבנה־נאַכט פאַרלוירן,
אין געזאַנג געוואָרן איבערגעבוירן...

מיין קינד, די ליכטיגסטע געשטאַלט פון אַלע
איז געווען די שטאָלצע מאַמע חנה.
זי האָט די זין געהייליקט אין איר גלויבן,
פונעם טויט זיך העכער אויפגעהויבן;
און איוב האָט אין גרויל פון זיינע וואונדן
אין רייד צו גאָט דעם הימל אָנגעצונדן.
און משה אויפן באַרג אין זיין גלות־שליחות
האָט אויסגעברענט דורך בליץ און דונער זיינע לוחות.
און שמשון אין זיין גבורה, דניאל מיט די לייבן —
אין דיין בלוט פליסט דער כח פון זייביידן...
און דבורה די נביאה, אין קאַמף פאַר אירע ברידער,
מרים מיט די פייקלעך און די יובל־לידער,
דער בעל שם־טוב אין התפעלות דורך טרערן
האָט געזונגען חסידיש צו די שטערן...

נפתלי גראָס:

אַ מעשהלע מיט דעם בעל שם־טוב

(נאָך ניזאַמיס אַ מאָטיוו)

אַמאָל איז דער בעל שם־טוב, ז״ל, געגאַנגען
מיט זיינע נאָענטע דורך אַ פעלד מיט זאַנגען.
אַזוי איז ער דערגאַנגען צו אַ שטאָט,
און תיכף איז געוואָרן אַרום אים אַ ראָד.
מ׳האָט אים באַגאַפט, באַוואונדערט, נאָר נאָך מער
ווי אים, להבדיל, אַ טויטן הונט אין מיטן סקווער.
אָט דאָ איז ער געלעגן, האַלב פאַרפוילט;
און ווי די רויבפייגל איז גרויס און קליין
געשטאַנען אַרום אים, געפלאַפלט און געגרוילט:
פע! — האָט זיך אָנגערופן איינער, — ס׳אַ געשטאַנק,
אַז מ׳קאָן דאָ ווערן קראַנק!
און באַלד — אַ צווייטער: שוין דאָס אויסזען זיינס אַליין
באַשלאָגט צום האַרצן. און דערנאָך
אַ דריטער און אַ פערטער מיט זיין שפּראָך.
ס׳האָט יעדערער געפונען שוין אַ וואָסער גרונט
אויף צו באַפלאַפלען דעם פאַרפוילטן הונט.
נאָר דאָ איז דער בעל שם־טוב נעענטער צוגעגאַנגען —
סע האָט פאַרשמעקט מיט זון און זאַנגען
און מיט דעם וואוילגערוך פון פרישן שניט.
זעט! — האָט ער אָנגעוויזן שטראַלנדיק, — די ציין
ביי אים, זיי זיינען פערל ריין!
און מיט אַ שמייכל, אַז די, וואָס האָבן דאָס געהערט,
האָבן אויפגעציטערט ווי סע וואָלט די ערד
זיך אויסגעגליטשט פון אונטער זייערע טריט.

ש. האַלקין:

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורכדעם די גאַנצע וועלט:
ווער ס׳וויינט און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זייט פאַרשטעלט
מיט זילבער פאַרב, וואָס האָט די ווערט
אַ גראָשן געלט, צי עטוואָס מער — — —
פאַרשווינדט פון אויג די גאַנצע ערד,
פון ריינעם גלאָז אַ שפּיגל ווערט,
און ווי דער שפּיגל זאָל זיין ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אַליין.

דאָס ליד איז געבויט אויף אַ חסידישער לעגענדע, דערציילט אין נאָמען פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. דער מאָטיוו געפינט זיך אין ש. אַנ-סקיס „דבוק״. דאָס לד איז אַן אַריינפיר-מאָטאָ צו ש. האַלקינס בוך לידער „קאָנטאַקט״ (מאָסקווע, פאַרלאַג עמעס, 1935).

י. א. ראָנטש

ביים צדיקס אוהל

ס׳האָט די שוועסטער געפירט מיך אויף קבר־אבות צום טאַטן,
אויפן אַלטן לאָדזשער בית־עולם, —
נאָר מיך האָט געצויגן צו אַ שטיין, ביים וועג דעם גלאַטן,
צום קבר פון ענגל, דערמאָרדעט פון הענקער־פוילן.

— גיי ניט, אַ ברודער, אַהין דאָרט, מע טאָר ניט,
עס טשאַטעווען שפּיקעס פון אַלע ווינקלען און זייטן.
מע וועט דיך, חס־ושלום, „אַריינזעצן״ פאַר גאַרניט;
פון יענעם קבר מוז מען זיך האַלטן פון ווייטן.

אַזוי האָט געטענהט מיין שוועסטער די פרומע —
און אַריינגעוואָרפן אַ קוויטל פאַר מיין זינדיקער נשמה
אין ראַדאָשיצערס אוהל.

ענגל — אַ 18-יאָריקער פּוילישער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז הינגעריכטעט געוואָרן.

„ראַדאָשיצער״ — ר׳ בער ראַדאָשיצער, אַ תלמיד פון לובלינער רבין, ר׳ יעקב יצחק. געלעבט אין דער בלי-תקופה פון פּוילישער חסידות.

לייזער וואָלף:

דער ווילנער גאון און דער בעש״ט

דער ווילנער גאון זיצט און לערנט
אין דינעם דורשט און ווייסן ברען
און ניט דער הימל, ניט די שטערן
די זכיה האָבן אים צו זען.
ער שלאָפט נאָר אַ שעה
און ווידער איז דאָ
זיין מח צו פאַרשן, צו קלערן.
בייטאָג און ביינאַכט דורך מעת־לעתן —
דאָס ליכטעלע פלעמלט און טריפט.
דאָס וויב און די קינדער פאַרגעסן —
ער זוכט אין דער הייליקער שריפט.
אָפט דאַכט זיך אים אויס,
אַז ער איז גאָטס הויז,
אַז ער איז אין אים דאָ געזעסן.

און אָפט ווען ער שטייט אין די תפילין
און דאַוונט מיט האַרץ און געבעט,
דערהערט ער אַ קול אַזאַ שטילן
אין זיך, ווי אַ טויב וואָלט גערעדט:
„הער גאון, גלויב מיר —
דיין מויל איז מיין טיר.״ —
ער נעמט זיך אין טלית פאַרהילן.

דער גאון לערנט. ס׳ווערן בלאָ אים
די אַלטע אותיות ערב נאַכט
און ס׳קומען אַן די שטאָט־גבאים —
וואָס האָט זיי גאָט אַהער געבראַכט?
— אָ, רבינוי, העלף!
די חסידים די צוועלף —
זיי טאַנצן אין קלייזל ווי גויים!

דער גאון שטייט בליציק: די פּראים!
ישׂראלקע בעל שם זייער גאָט!
איך רוף אויס אַ חרם, גבאים,
אויף זיי און צעהענגט עס אין שטאָט!
איר הערט וואָס איך זאָג?
אַ חרם, אַ קלאָג!
אַ קלאָג צו די חסידישע גויים!

דער גאון ליגט, דאָס ליכטל גוססט,
אַ זילבערנער לבנה־שטראַל
באַלייכט זיין שלאָף, די בלויע כוסות,
דער וועג איז ווי אַ ווייסע שאַל.
ער פאָרט דורך אַ וואַלד
מיט יידן. ס'איז קאַלט,
עס גליען די שטערן ווי אותיות.

און פּלוצלונג — אַ שענק... פון באַנדיטן?
ניין. חסידים אין ראָד פון אַ טאַנץ,
און איינער אַ ייד איז אינמיטן
מיט אויגן אין גויאישן גלאַנץ.
עס פלאַטערן הענט,
עס וויגן זיך ווענט.
אַלץ ווערט פון אַ ניגון צעשניטן.

נאָר פּלוצלונג באַמערקט מען דעם גאון.
ער שטייט אין אַ זייט און ער קוקט.
און איינער שרייט אויס: אַ בזיון!
אַ ייד זאָל זיך שטעלן פאַררוקט!
קום טאַנצן, ר' ייד! —
זיי נעמען אים מיט.
ער דרייט זיך מיט זיי אין שגעון.

ער פאַלט. בעת ער עפנט די אויגן,
דער זעט ער זיך הויך אויף אַ באַרג.
עס קומט אָן אַ ייד איינגעבויגן
מיט פרייד און מיט האָלץ אויפן קאַרק.

אַ פייער געמאַכט —
ער טאַנצט אין דער נאַכט,
די פונקען ווי בינען צעפלויגן.

דער גאון באַמערקט: יענעמס באַק גליט
און רוקט זיך מיט ליפּן צו אים.
ער ציטערט: איך בין אַ מתנגיד!
אַוועק! — איז צעצאָרנט זיין שטים.
נאָר יענער באַקוקט
זיין פּנים, זיין ברוסט
און זינגט אַזוי הייס, אַזוי נאַקעט...

דער גאון וועקט זיך אויף אין שווייסן,
דערשראָקן פון דעם ווילדן ייד.
ער פילט נאָך ווי אַ קוש אַ הייסן —
ער זיצט אין שטערן דאָרט און גליט.
אַ ניגון אין קאָפּ,
ער לאָזט אים ניט אָפּ,
אַ ניגון, וואָס חסידים נאָר ווייסן...

דער ווילנער גאון — ר' אליהו, דער אָנפירער פון די מתנגדים (קעגנער), וואָס האָט געפירט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די חסידים. אויף זיין באַפעל איז אין יאָר 1772 אויסגערופן געוואָרן אַ חרם אויף די חסידים אין די הויפּט-שטעט פון ליטע, ווייס-רוסלאַנד און פּוילן.

לייזער וואָלף איז אַ יונגער ווילנער יידישער דיכטער. ער איז פריצייטיק געשטאָרבן אין 1943 אין אוזבעקיסטאַן, סאָוועטן-פאַרבאַנד.

ישראל עמיאַט:

פון דער פּאָעמע: „לובלין״

אַ פרימאָרגן אין בית־מדרשל פון „חוזה מלובלין״.
אַ בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל־שנעל צו מנין.
בעלי־מלאכות און סוחרימלעך, וואָס יאָגן זיך צו אַ קנין...
וואו לויפסטו, האַרץ מיינס פון דאַנען, וואוהין?

דיך יאָגט די ווירקלעכקייט, און ס׳איז דיר ליבער דער רואין,
פון אונטער חורבות זעסטו אָט די אַלע הייליקע געשטאַלטן,
און די ווינקלען דאָ אין איטלעכן זיינען זיי באַהאַלטן,
און דאָס ברומען זייערס — ווי אַ טויב, אַזוי נאָגנדיק דין!

ס׳האָט אָפּגעדאַוונט דאָס געזינדל קרעמער, זיי זיינען שוין פאַרשוואונדן
און אַ פלאַם אַזאַ האָט פּלוצים העל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פאַרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ, —

דער חוזה מלובלין און די הייליקע חבריא,
און סע גליט דער פלאַם פון די תלמידים די געטרייע,
אָט באַלד הערסטו דאָס קול פון „ייד הקדוש״, דיין גרויסן זיידן.

דער „חוזה מלובלין״ — פון די פאַרצייטישע גרויסע חסידישע רביים. חוזה האָט מען אים גערופן צוליב דעם, וואָס חסידים דערציילן, אַז ער האָט געזען 400 מייל אויף 400 מייל.

דער „ייד הקדוש״ — אַ תלמיד פון חוזה — געווען פון די גרויסע מנהיגי החסידות. פון זיין שיטה האָט זיך אַנטוויקלט דעם שפּעטערדיקן קאָצקער רבינס שיטה, וואָס האָט דאָס חסידות אומגעקערט פון האַרץ צום מוח: אינערלעכע קאָנ־טעמפּלאַציע, טיפן פילאָסאָפישן דענקען און דערקענען זיך אַליין, אָדער ווי חסידות רופט דאָס: „נישט אָפּנאַרן זיך״.

י. עמיאַט — אַן אייניקל זיינס.

בעריש ווײַנשטיין:

פון דער פּאָעמע: „זבולון״

. . . אינעם איצטיקן דור
איז ער דער בן־תורה פונעם טאַרנאָווער דײַן:
אַ זון פון ר׳ יידעלע, וואָס האָט אַ ספר געשריבן
און איז פון צופיל ספרים לערנען בלינד געוואָרן.
זבולון לערנט קיינמאָל נישט אויפן קול,
זײַנע ספרים זײַנען שטילער, ווי די טונקעלע שבת־שטוב,
און ווייך ליגט זײַן באָרד איבערן „עין יעקב״,
איבערן דזשיקעווער „אמרי נועם״ פון רבין ר׳ מאירל,
וואָס האָט נאָך זיך דעם זון ר׳ יהושעלע געלאָזט
מיט אַ מלאך־באָרד און אַ שבתדיקער עטרה,
אַז אויפגעשראָקן האָט די ריישער דזשיקעווער קלויז
אין בענטש־ליכט, פון זײַן הייסן שלום עליכם,
אַזוי ווי ס׳לערנט זבולון אין שטילן „אמרי נועם״,
ווען ס׳קוקט בלוי זײַן מאַמע דורכן שפּעטן פענצטער
און זוכט אַ שפּור פון אַ שטערן צו הבדלה.

און זײַן שטאָט איז ריישע —
דער שפּיץ פון דער „מחלוקת סאַנדז און סאַדיגוריע״,
די שטאָט, —
וואָס איז אויסגעשטאַנען נפטרים פון גרויסע יידן.
שויבן אין די פרײַטיק־נאַכטן —
אַזויפיל בענטש־לײַכטער שלאָגן אינעם מאַרק אַרויס
מיט וואַרעמען מעש, מיט ברייטן זילבער.
נגונים — היימישע חסידות אויף די טישן
און אַ ווייכע העלקייט אויפן מידן זבולון.

די פּאָעמע „זבולון״ איז אַ בילד פון אַ חסידישן סוחר אין מערב־גאַליציע, אַ חסיד פון רבין ר׳ יהושע פון דזשיקעוו, פון די לעצטע חסידישע צדיקים אין גאַליציע, אַן אייניקל פונעם צדיק ר׳ נפתלי ראָפּשיצער.

„אמרי נועם״ — איז דער נאָמען פון אַ ספר פון ר׳ מאירל דזשיקעווער.

„מחלוקה סאַנדז און סאַדיגורע״ — איז דער קריג צווישן די קינדער פון „ריזשינער הויף״ און ר׳ חיימל סאַנדזער, וועלכער האָט זיי באַשולדיקט אין אויסגאַלעסנקייט און גרויסהאַלטעריי.

אברהם לעוו:

דער בעש״ט פירט ליים

פאָרט ר׳ ישראל בעל שם־טוב אַהיים
און פירט אַ וועגעלע ליים.

קריכט עס, דאָס פערדל, אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן,
דער בעש״ט גייט נאָך מיט די לייצעס אין האַנט,
ווי צו אַ פאַרכישופט לאַנד.
פּלוצלונג ווערט פינצטער, ווערט שוואַרץ און געדיכט,
דאָס פערדל איז מיד און קוים וואָס עס קריכט;
נאָר ער, דער בעל שם־טוב, זעט ליכט, זעט ליכט.
אַרום און אַרום איז פינצטער און שוואַרץ,
פינצטער און שוואַרץ ווי אַ טרויעריק האַרץ.

נאָר אים, דעם בעש״ט, איז ליכטיק ביז גאָר,
פון די פינגער־שפּיצן ביז צו די וואָרצלען פון די האָר, —
און דאָס ליים שטראַלט מיט ליכט, און דאָס פעלד שטראַלט מיט ליכט,
מיטאַמאָל דערזעט ער דעם נביאס געזיכט...
אחיה השילוני קומט אָן אויפן שליאַך — — —

די נאַכט איז פינצטער, שוואַרץ און געדיכט.
דאָס פערדעלע שלעפּט זיך, דאָס פערדעלע קריכט,
נאָר ער, דער בעל שם־טוב, געבליבן איז שטיין
אויפן מיטן שליאַך אַליין.
ער גלעט דעם סלופּ, וואָס שטייט אויפן וועג,
עס קלאַפּן די ציין אים פון שרעק:

— נביא, דערפיר מיך! — בעט ער זיך ביים סלופּ, —
פיר מיך אויף ליכטיקע וועגן, ווי דו!
איך זאָל קאָנען פאַרשטיין און באַנעמען זיין ליכט,
איך זאָל קאָנען דערזען זיין געזיכט!...

דער בעש״ט גיט אַ פאַל, אַ צי אויס זיך אויף דר׳ערד
און קושט אחיה השילוניס טראָט:
— איך, — שרייט ער באַגייסטערט, — איך שווער,
אומעטום, אומעטום איז ער דאָ! — — —
און ער צעוויינט זיך פון פרייד און פון גרינגן געמיט,
קלינגט אָפּ זיין געוויין אין די בערג, ווי אַ ליד — — —

•

נאָר ער, דער בעש״ט, ליגט אויפן שליאַך, ווי אַ שטיין
באַהעפט ער זיך מיט גאָט.
דאָס פערדעלע פירט דאָס וועגעלע ליים
אַליין שוין אָפּעט אין שטאָט — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

אחיה השילוני — אַ פאַרצייטיקער יידישער נביא. לויטן תלמוד: דער רבי פון אליהו הנביא און איינער פון די יוצאי מצרים. לויט דער חסידישער לעגענדע: דער רבי פון בעל-שם.

מאַטעס דייטש:

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער וויל ניט אַריינגיין אַליין אין גן־עדן

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

... ווען דער באַרדיטשעווער איז אַ געטובלטער
פאַרשפּאַרט ער זיך אין זיין חדר מיוחד,
ער גייט צו צום פאַרשניצטן ארון־קודשל,
נעמט אַרויס אַ ווייסע גענדזענע פעדער,
צעוויגט זיין גוף ווי פאַר דער יום־כיפּורדיקער עבודה
און שרייבט אָן אויף יידיש־טייטש —
(ניט קיין מאמר, ניט קיין חבור
און ניט קיין פירוש אויף גאָטס תורה) —
אַ בקשה בריוו שרייבט ער.

אַי טאַטעניו, טייערער פֿאָטער אין הימל!
דיין תורה איז גוט.
דיין תורה איז וואויל.
דיין תורה איז אַ היילונג פֿאַרן מענטש.
נאָר דו, דו, דו, דו, — גאָט,
מיט דיר וויל איך זיך אויסטענהן
פֿאַר דיין אויסדערוויילטע פֿאָלק ישראל;
ווי אַ פֿאַסטוך איבער זיין פֿאַרצוקט שעפֿעלע
וועל איך שרייען און קלאָגן צו דיר.
און דער באַרדיטשעווער ריכט אָפּ חצות:

אַי וויי, וויי־וויי, וויי, וויי.
אַי וויי, וויי־וויי, וויי, וויי.
וואָס האָט מען זיך אָנגעזעצט
אויף דיין ליבן פֿאָלק ישראל!

איך, דער באַרדיטשעווער לוי יצחק בן שרהס,
זאָג צו דיר:
צו וועמען נאָך קאָן איך אַזוי הויך אַרויפֿשרייען,
אויב נישט צו דיר, גאָט?
און פֿאַר וועמען נאָך קאָן איך אַזוי שטיל־שטיין שווייגנדיק,
אויב ניט פֿאַר דיר, גאָט?

אָ, טייערער טאַטע אין הימל,
איך וועל ניט דערלאָזן פּייניקן
אונדזערע אָרעמע יידעלעך.

דו ביזט ניט קיין פּייניקער, דו.
דו ביזט אַ בעל־רחמים, דו, דו.
דו האָסט באַשאַפֿן די וועלט, דו, דו, דו.
און דו פֿירסט די וועלט, דו, דו, דו, דו.
אוי, וויי, וויי־וויי, וויי, וויי.
אוי, וויי, וויי־וויי, וויי, וויי.

. . . דער רבונו של עולם האָט זיך פאַרבענקט
נאָך זיין וואוילן זינגער לוי יצחקן,
שיקט ער זיין קלאָרסטן מלאך
צו ברענגען דעם צדיק גלייך אין גן־עדן.

גייט דער באַרדיטשעווער צו ביזן הימל
און ווייטער וויל ער ניט גיין;
ער רופט אויס:
אויב ניט צוזאַמען מיט אַלע יידעלעך,
וואָס וואַרטן לעבן שער הרחמים,
וויל ער אינגאַנצן ניט קומען.
„איך, לוי יצחק, דאַרף ניט האָבן אַליין דעם גן־עדן.“

שמייכלט דער רבונו של עולם פונעם שטרענגען קול־קורא
און סע ווערט אים נאָך מערער טשיקאַווע
צו זען זיין וואוילן זינגער.
באַפעלט ער:
אויפמאַכן אַלע טויערן פאַרן באַרדיטשעווער!

מאַרשירט אַריין לוי יצחק מיט זיין פּאַראַדנעם חיל,
אַ זינגעוודיקער צווישן זיינע מחנות יידן:
קוימענקערער, וואַסערטרעגער, האַלצהעקער,
שמאַראָוואָזניקעס, דינסטן, פאַרבער־יונגען,
שניידער־יונגען, שלאָסער־יונגען, קירזשנער־יונגען, טרעגער־יונגען —
אַלע, אַלע פאַרשפּיגענע, באַליידיקטע, דערנידעריקטע און געפאַלענע,
גייען דורך מיט אים פאַרביי דעם כסא־הכבוד
מיט געהויבענע קעפּ,
מיט פלאַמיקן ליכט אין די אויגן —
זיי גייען און גייען און גייען — — — — — — —

שלום שטערן:

דער בעש״ט און יענדרוך

(פראַגמענטן פון דער פּאָעמע „פיר צדיקים גייען אין שלאַכט״)

דאָס קינדל־ליכט
צאַנקט אויפן בעש״טס געזיכט.
די גאַנצע וועלט רחמים אין יענדרוכס האַנט,
ווען ער ברענגט אין שטעלעכל היי צום בהמהלע ביי דער וואַנט.
יעדער דאַרפסגייער, יעדער דורכגייער
בראָט קאַרטאָפּליעס אין זיין אייוועלע.
אַ קובל קוואַליק וואַסער
ער טראָגט אַקעגן יעדן מידן.
אויף זיין פרישן שטרוי־זאַק שלאָפן פאַרהאַרעוועטע יידן.

. . . מיר זיינען צוויי פּאַראַבקעס — פאַרדונגענע אויפן טאָג.
דער פּריץ דער גאָט־פּאַראַכטער
איז דער גרעביטער.
דער אָנגעפרעסענער גלח — גאָטס היטער.
איז דען רעכט אַזאַ סדר אין דיינע אויגן?
די ערד איז דאָך דיין הייליק פוס־בענקל.
די ערד געהערט צום מענטשן,
ער זאָל אין ליבשאַפטן גאָט טוען בענטשן.
פּאַרוואָס־זשע זאָל דער פּריץ
פרעסן און זויפן, ווי אין אַ ביר־שענקל?
דער פּריץ איז דער שטן,
אויף דער ערד דער בייזער שאָטן.
אין פויער מאָנט דער הייליקער באַגער,
זאָל קומען פאַר דיר זיין קרעכץ און טרער!

. . . און בשעת יענדרוך רעדט צו דיר,
איז נישט אין אַ הויז, אין אַ ווינקל,
ביי אַ קאַפּטשענדיק ליכטל, צווישן
די מלאכימדיקע געמעלן.
די איקאָנע איז אים מבלבל פון דער טיפער כוונה.
ער טענהט צו דיר פון טרערנדיק געמיט:

גאָט באַהיט, דו אַליין די וועלט געביט,
די גאַנצע ערד און זיינע געשטעלן
דיין גוטסקייט טוט באַגערן.
און בלחש מיין טיפסטע תפלה:
זע, די וועלט איז גרייט,
שיק דעם גואל, ברענג אַ גאַנצע גאולה.
די יידן, די גוים — מעשי ידיך.
וויין דיין גרויס דערבאַרעמדיקייט,
אַני סרולטשע מבקש מפניך.
דער אָדלער, אויף די שפּיצן פון די בערג זיין וואוינונג.
דאָס שוועלבעלע בלוטיקט אין זיינע נעגל.
צו וואָס דאַרף זיין שפּייז זיין די זינגענדיקע פייגל? — — —

בער האָראָוויץ:

דער בעל־שם אין די בערג

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
די כאַטע איז די שענסטע היים —
גינגאָלד פּירסטו קיין קוטעוו,
נישט אַ וועגעלע מיט פּשוטן ליים...

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
דאָס געלע קוקורוזע־מעל
איז טייערסטער מן פון הימל,
נישטאָ אין אים קיין פעל...

און איך, מיין חנהלע, זאָג דיר:
נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט
אַ טייל פון מיין נחת פאַר געלט...
אַזאַ עושר, וואָס קאָן קויפן

ניט פלאָגן זיך בין איך געקומען,
נישט פאַסטן פון וואָך צו וואָך —
איך בין פון גאָטס פראַכט אַנטלאָפן,
פון טעמפן טאָג־טעגלעכן יאָך —

איך מוז דאָ צייטיקן, ווייב מיינס,
גרונטפעסטיקן מיין פרייד,
כדי זי זאָל קענען טראָגן
די ברידער ווייט און ברייט.

העי, שמעטערן וועט מיין בשורה!
כ׳וועל פרעסן אין הערצער און הענט
דאָס גרויסע, דאָס גליקלעכע פייער,
וואָס אין מיין בוזעם ברענט...

די צייט איז נישט ווייט. אָ, ווייב מיינס!
דו וועסט מיך באַגלייטן אין טאָל —
דעם אַרענדאַר, דעם בעלפער, דעם קאַניאַר
פון דעם פאָלק ישראל...

חנהלע איז געווען דעם בעל-שמס ווייב. לויט דער חסידישער לעגענדע, האָט זי געפירט ליים אין די קאַרפּאַטישע דערפער כדי צו דערנערן די משפחה.

דוד סעלצער:

מיין זיידנס אַ חסידיש וואָלעכל

כ׳זע דאָס שניידערישע שולכל
און מיין זיידן מיט די בנים,
ווי דעם מעזשבישערס *) זיידן קולכל
צינדט אַ ליכט אויף זיידנס פנים.

ווי דער פעטער אברהם לייב
טוט אַ צי אַ וואָלעך־ניגון,
שניידערוקעס טוען זיך אַ הייב,
מיטן שולכל זיך צעוויגן.

און דער זיידע טאַנצן גייט,
קאָן די פרייד שוין ניט באַהאַלטן;
טוט די ווייסע הענט אַ שפרייט
און פליט מיט זיי צום באַלקן:

„זינגט, חסידימלעך, זינגט אַ וואָלעך,
וויניק ווי פּאַרניאַלעס.**)
טוט אַ הויב מיין שניידער־הולך,
עס טאַנצט דער פאַלגע־דלות.״

„כ׳שפרינג אַ ריקודל אַצינדער
פאַר מיין שניידערישן רבין,
כ׳זאָל מיט ווייב און מיינע קינדער
די גאולה נאָך דערלעבן.״

*) ר׳ ישראל פון מעזשביש, דעם אפטערס אַן איניקל
**) בעסאַראַבער פאָלקס-לידער.

אברהם טווערסקי:

שלמה חקרן און די דוינע

שבת.
גייענדיק פון רבינס טיש,
וואו דער אַלטער שמואל אַבאַ׳ס
האָט נאָך די פיש
פאַרטייטשט אַ שטיקל אומעטיקע דוינע, —
זיינען שלמה חקרן און ר׳ יונה
שטיין געבליבן ביי דער גרעבליע פון דער מיל,
און אַלץ געצויגן נאָך די דוינע אין דער שטיל:
אוי־דיי־דוי! אוי־דיי־דוי!

דרייט זיך שלמה חקרן אויס און זאָגט אַזוי:
— פאַרשטייסטו, יונה, וואָס אַ פּאַסטעך קאָן?
ער נעמט דעם בורא עולם אָן,
און טענהט איין מיט אים, ווי מיט אַ פאָטער:

— הער מיך אויס — און פּטור!
קיין עברי קאָן איך ניט. איך בין אַ פּראָסטע זאַך.
טאָ נעם איך מיר אַ פייפל און איך מאַך:
טרי־לי־לי־לי! טרי־לי־לי . . .

שלמה חקרן טוט דערביי פּאַמעלעך אַ צי:
— ווי פלעג דער אַפּטער, זכותו יגן,
זאָגן?
בראשית — מענטש. די בחינה פון אַ פידל.
אַ יעדער איינער שטייט מיטביידע פיס אין פיוט:
ביי דער נאָדל — אונדזער בערל חייט,
און אַלעקסי — ביי דער קאָסע מיטן רידל...

— פאַרשטייסטו, יונה, וואָס עס מיינט ?
אויב איינער וויינט,
ער בעט אַ רייפטל ברויט, אַ פשוטן געלעגער,
און חנא, דער פאַרהאָרעוועטער טרעגער,
טרעט אים אָפּ זיין וועטשערע מיט האַרטער באַנק —
אַט דאָס אַליין איז שוין געזאַנג.

— בפרט, אַז וואַנקע פאַסטעך וואַלגערט זיך אין פעלד
אָן אַ ברעקל עברי, אָן אַ טייטש פון סידור,
און זוכט דעם פשט פון וועלט
אין מרה־שחורהדיקע לידער —
זעסטו שוין, פון דעם
צעשמייכלט זיך ביי גאָט דער קוואַל פון רחמים אויף דער ברעם.
והא ראיה — דער בעל־שם :
אַליין געפּאַשעט שאָף, און ערד געגראָבן, ווי אַ גוי,
געפייפלט פון אַן אויסגעשניצטער קאָרע,
ווייל אָדם־מענטש איז העכער פון אַ בלאָט גמרא.
און דעם ניגון זיינעם זינגט ער זיך אַזוי :
אוי־די־די־דוי . . . די־דוי . . .

„דער אַפּטער, זכותו יגן" — ר' אברהם יהושע העשיל פון מעזשביזש, פון די באַרימטע חסידישע רביים אין זיין דור. אַ תלמיד פון ר' בער מעזעריטשער און פאַרפאַסער פונעם חסידישן ספרל „אוהב ישראל".

זוכצעטל פון נעמען

א

אבן, יצחק — 50.
אוהעלער, ר' משה — 17, 55.
אונגער, מנשה — 50.
איגנאַטאָוו, דוד — 44.
אויגוסטינוס, סט. — 25.
איזשביצער, ר' מרדכי יוסף — 62, 63.
אליהו הנביא — 13.
אלישע בן אבויה — 31.
אַלעקסאַנדער, ר' העניך — 22.
אנוכי, ז. י. — 35.
אנסקי, ש. — 34, 35.
אָסטראָווצער, ר' יחיאל מאיר — 30, 64.
אָסיסי, פ. — 25.
אָפּטער, ר' אברהם יהושע — 21, 107, 108.
אַקווינאַס, סט. טאָמאַס — 19.
אקסנפעלד, י. — 6.
אַש, שלום — 35, 37, 39.

ב

באַטאַשאַנסקי, י. — 50.
באָסין, מ. — 85.
באַראַש, אשר — 50.
באַריישאַ, מ. — 76.
בובער, מארטין — 60.
ביאַליק, חיים נחמן — 67.
בעקער, יעקב — 27.
באַרדיטשעווער, ר' לוי יצחק — 19, 20, 35, 54, 55, 61, 69, 76, 89, 99, 100, 110.
בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף — 6, 35, 37, 38, 39.
בעש"ט, ר' ישראל — 2, 5, 6, 7, 9, 11, 23, 35, 53, 57, 74, 78, 80, 88, 89, 91, 93, 94, 98, 103, 106, 107, 108.
בראַהינער, ר' שלום — 20, 64.
בראַצלאָווער, ר' נחמן — 10, 17, 23, 24, 27, 28, 29, 30, 34, 40, 41, 42, 50, 55, 60, 77, 82, 83.

ג

גאָסטינינער, ר' יחיאל מאיר — 77.
גלאַטשטיין, יעקב — 44, 87.
גראָס, נפתלי — 93.

ד

דאָברושין, יחזקאל — 36.
דאָסטאָיעווסקי, פּ. — 47.
דזשיימס, וויליאַם — 25.
דזשיקעווער, ר' מאיר — 24.
דזשיקעווער, ר' יהושע — 44.
דייטש, מ. — 101.
דילה-ריינה, יוסף — 51.

ה

האַלקין, שמואל — 94.
האַנאָפּאָליער, ר' זוסיע — 26.
האָראָדעצקי, ש. א. — 50.
האָראָוויץ, בער — 50, 105.
הייליקמאַן, טוביה — 58.
היינע, היינריך — 32.
השילוני, אחיה — 99.

וו

וואורקער, ר' יצחק — 81, 62.
וואַלאַס, העגרי א. — 5.
וואָראָביטשיק, מ. — 36.
וויטמאַן, וואָלט — 32.
וויטעבסקער, ר' מענדל — 30.
וואָלף, לייזער — 95.
וויינפּער, ז. — 86.
וויינשטיין, בעריש — 99.
ווילנער, גאון — 94, 96.
ווינער, מ. — 40, 41.

ז

זידיטשויעווער, ר' הערש — 24.
זינגער, י. י. — 50.
זעצער, ש. — 44.
זשיטאָמירער, ר' יעקב משה — 68.
זשיטלאָווסקי, ד. ח. — 66.

ט

טאַרניגראַדער, ר' אליעזר — 24.
טווערסקי, א. — 108.
טיטשינער, ר' שלמה — 64.
טערעזע, סט. — 25.
טשאַרטקאָווער, ר' דוד משה — 24.
טשעכענאָווער, ר' אברהם — 75.
טשערנאָבילער, ר' מרדכי — 61.
טשערנאָבילער, ר' נחום — 53, 60, 61.
טשערניגאָווער, ר' דוד הירש — 64.
טרונק, י. י. — 62.
טריסקער, ר' אברהם — 89.

י

ייד הקדוש — 22, 55, 97.
ישו הנוצרי — 32.

ל

לאַדיער, ר' שניאור זלמן — 10, 21, 23, 26, 50, 59, 82, 83.

לאַנדוי, זישע — 74, 75.
לובלינער, ר' יעקב יצחק — 54, 95.
לונאַטשאַרסקי, א. — 27.
לי, מלכה — 92.
לייוויק, ה. — 78.
לינעצקי, יצחק יואל — 6.
ליעווער, ר' בער — 63.
לעוו, אברהם — 100.
לעוין, נ. — 33, 57.
לענטשנער, ר' שלמה לייב — 55.
לעסין, א. — 69, 73.

מ

מאַהלער, דר. רפאל — 58, 63.
מאַנגער, איציק — 14, 20, 35, 36, 82, 83.
מוכר ספרים, מענדעלע — 36, 37, 41, 49.
מולכו, שלמה — 52.
מחמד — 14.
מייזיל, נחמן — 14, 38, 42.
מיימון, שלמה — 15.
מעזעריטשער, ר' בער — 12, 17, 26, 53, 89.
מעזביזשער, ר' ישראל — 107.
מעקלער, ד. ל. — 50.

נ

ניבור, ריינהאַלד — 59.
ניגער, ש. — 40, 44.
ניעזשינער, ר' מענדל — 64.
ניצשע, פ. — 24.
נעמיראָווער, ר' נתן — 17, 23, 27, 83, 85.
נסתר, דער — 35, 41, 42, 43, 74.

ס

סאַסעווער, ר' משה לייב — 20, 27, 35, 49, 61.
סופר, ר' משה — 19.
סטאַראָשיעלער, ר' אהרן — 24.
סטריקעווער, ר' וואָלף — 75.
סטרעטינער, ר' יהודה — 15.
סיגאַל, י. י. — 44, 80.
סעלצער, דוד — 107.
סעקלער, ה. — 50.
ספיוואַק, יונה — 44.
ספעקטאָר, מ. — 44.

ע

עגנון, שמואל יוסף — 49.
עמיאָט, י. — 98.
עפלבוים, ב. — 39, 50.
ערנבורג, איליאַ — 6.

פּ

פּאַסטוך, משה — 10.
פּולנאָער, ר' יעקב יוסף — 59.
פּאַריטשער, ר' הערש — 22.
פּרעמישליאַנער, ר' מאיר — 21.
פּרץ, י. ל. — 6, 20, 34, 37, 38, 44, 45, 46, 47.
פּשיסכער, ר' בונעם — 15, 22, 48.

פֿ

פֿרויד, ז. — 29.

צ

צאַנזער, ר' חיים — 19, 63, 102.
צייטלין, אהרן — 89.
צייטלין, הלל — 44.

ק

קאַבאַק, א. — 44.
קאָברינער, ר' משה — 15.
קאָזשעניצער, ר' ישראל — 55.
קאַלעווער, ר' אייזיק — 9, 53.
קאָסאָווער, ר' מענדל — 60.
קאָפּוסטער, ר' לייב — 18.
קאַרלינער, ר' אהרן — 30.
קאַרלינער, ר' שלמה — 54.
קאָצקער, ר' מענדל — 18, 19, 21, 25, 30, 31, 32, 39, 44, 45, 46, 47, 48, 62, 63, 75, 98.
קאָרעצער, ר' פּנחס — 9.
קיטעווער, ר' גרשון — 53, 76.
קרול, חיים — 91.

ר

ראובני, דוד — 51.
ראַדאָשיצער, ר' בער — 18, 81.
ראַדזימינער, ר' יעקב — 20.
ראַנטש, י. א. — 94.
ראָקער, י. — 50.
ראָפּשיצער, ר' נפתלי — 55, 102.
ריזשינער, ר' ישראל — 19, 55, 56.
רימאַנאָווער, ר' מענדל — 54, 55.

ש

שבתי צבי — 51, 52.
שוואַרץ, י. י. — 79.
שטיינבאַרג, אליעזר — 84, 85.
שטיינבערג, יהודה — 35, 37, 38, 50.
שטערן, שלום — 104.
שיפּרים, מ. — 50.
שניאור, ז. — 50.
שניאורסאָן, פֿישל — 50.
שרהס, ר' לייב — 19.